№ 140 פרייז 2 קאפ. Lodzer Tageblatt.

לאָדזער טאַגעבלאַט

אבאנעמענטס-פרייז: אין ראזלאנד: א יאהר 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל, א פערטעל יאהר 2 רובל, א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ת. רייזנער, טווארדא 28, טעל. 17-68.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע און דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגען און האכצייטס-אנזייגען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

17 (30 יוני) 1914. דינסטאג ו' תמוז תרע"ד זיבענטער יאהרגאנג

צו דער ערמארדונג פון עסטרייכישען טראנפאלגער מיט זיין פרוי

וויכטיגע פרטים וועגען דעם אנפאל.—מען האט דעם טהראנפאלגער געווארענט.—דער איינדרוק אויפ'ן קייזער פראנץ-יאזעף.—דער איינדרוק אין אייראפא.—ווער איז דער נייער קרוינפרינץ?

ווער האט ארגאניזירט דעם אטענטאט אויפ'ן ערצהערצאג?

מהאט געווארענט דעם קרוינפרינץ.

וויען (ספ.) ווי עס שטעלט זיך איצט ארויס, האט דער סערבישער געזאנדטער אין וויען געווארענט דעם ערצהערצאג פראנץ-פערדינאנד פאר זיין אבריייזע אויף די מאנעווערס קיין באסניען, אז ער זאל בעסער ניט פאהרען. דער קרוינפרינץ האט איהם אבער געענטפערט, אז זיין גוטע עצה קען איהם ניט אבהאלטען פון ערפילען זיין פליכט.

וויען (ספ.) דעם קרוינפרינץ האבען איינינע פערזאן געווארענט, אבער ער האט זיך איינגעשפארט, אז ער מוז אנטיילנעהמען אין די מאנעווערס. דאס איינציגע וואס ער האט נאר געטהון, איז דאס, וואס ער האט נאכגעגעבען דער דרינגענדער ביטע פון דער פירסטין האהענבערג און האט זי מיטגענומען מיט זיך אויף דער רייזע.

דער באמבען-אנפאל.

סאראיעווא (ספ.) גרויסע מענשען-מאסען האבען זיך פערזאמעלט אויף די גאסען צוליעב דעם שענעם זונטאג-טאג, אום צוזעהען דעם עסטרייכישען טהראנפאלגער פראנץ-פערדינאנד מיט דער פרוי, וועלכע זענען אנגעקומען אין פאלאץ אריין פון א באדע-ארט, וואס געפינט זיך הינטער דער שטאדט. פלוצלונג האט מען אין דער ריכטונג צו דעם אויטאמאביל, אין וועלכען דער טהראנפאלגער איז געפאהרען מיט דער פרוי, געווארפען א באמבע. דער טהראנפאלגער האט אבער בעמערקט די געפאהר און האט די באמבע אבגעשלאגען מיט דער האנד אין א זייט. די באמבע איז אראבגעפאלען אויף די שטיינער און האט אויפגעריסען. די שטיקלעך פון דער באמבע האבען פערוואונדעט איינינע פערזאן פון דער סוויטע און עטליכע מענשען פון פובליקום.

סאראיעווא (פ.) די באמבע וואס דער אנפאלער האט געווארפען האט געהאט די פארם פון א גלאז און איז אנגעפילט געווען מיט צוועקעס און שטיקלאך בליי. די קראפט פון אויפרייס איז געווען אזא געוואלדיגער, אז אין די מאגאזינען זענען צוריסען געווארען די אייזערנע לאדענס. פון באמבען-אויפרייס זענען 20 פערזאן פערוואונדעט געווארען, צווישען זיי עטליכע פרויען און קינדער.

אין ראטהויז.

סאראיעווא (ספ.) נישט קוקענדיג אויפ'ן אטענטאט, איז דער טהראנפאלגער מיט דער פרוי לויט דעם בעשטימטען פראגראם געפאהרען אין ראט-הויז אריין. ארויסגעהענדיג פון אויטאמאביל, האט דער טהראנפאלגער געזאגט צו די מיטגליעדער פון געמיינדע-ראט, וועלכע האבען איהם בעגריסט מיט'ן בירגערמייסטער אן דער שפיץ: „מיר קומען אהער מיט א פריינדליכער כונה, צו בעזוכען סאראיעווא, און איהר בעגריסט אונז מיט באמבעס". דער בירגערמייסטער האט געענטפערט מיט א קורצער רעדע, אין וועלכער ער האט אויסגעדריקט זיין אויפרעגונג און בעדויערן צוליעב'ן אטענטאט.

סאראיעווא (פ.) נאכ'ן ערשטען אטענטאט, וואס איז געמאכט געווארען אויפ'ן טהראנפאלגער און זיין פרוי, פון וועלכען זיי זענען געבליעבען אונבעשעדיגט, האט מען זיי געמאכט שטורמישע אוואציעס. דער ערצהערצאג און זיין פרוי זענען בעת דער פייערליכער אויפנאהמע אין ראטהויז געווען א ביסעל אויפגערעגט, דאך האבען זיי געוויזען א מיענע, אז זיי זענען אין א גוטער שטימונג.

דער רעוואלווער-אטענטאט.

סאראיעווא (פ.) נאכ'ן בעזוך אין ראט-הויז, האט זיך דער טהראנפאלגער מיט דער פרוי אריינגעזעצט אין אויטאמאביל, אום צו פאהרען איבער די הויפט-גאסען פון דער שטאדט. קוים האט זיך דער אויטאמאביל אנגעהויבען צו ריהרען, איז ארויסגעשפרונגען פון המון א יונגער מאן מיט א רעוואלווער אין דער האנד און איינינע מאל אויסגעשאסען.

א קויל האט געטראפען דעם טהראנפאלגער אין געזיכט און ער איז אנידערגעפאלען אויף'ן פנים אין אויטאמאביל, בעגיסענדיג זיך מיט בלוט. זיין פרוי, די פירשטין האהענבערג האט זיך מיט א געשריי אויפגעכאפט און געמאכט א בעוועגונג, גלייך ווי זי וואלט וועלען בעשיצען איהר מאן פון די ווייטערדיגע קוילען; אבער אין דעם מאמענט האט א קויל זי געטראפען אין בויך און זי איז אנידערגעפאלען אויף די קישענס.

ביידע זענען געווען שווער פערוואונדעט. מען האט דעם אויטאמאביל מיט א אונגעהייערער שנעליגקייט אבגעפיהרט אין קאנאק. אויפ'ן וועג אהין איז דער טהראנפאלגער געשטארבען און מיט איינינע מינוטען שפעטער—די פרוי.

סאראיעווא (פ.) פון ראטהויז איז דער ערצהערצאג אוועקגעפאהרען אין גארניזאן-שפיטאל, וואוהין מ'האט אבגעפיהרט דעם אפיציר, וואס איז פערוואונדעט געווארען בעת'ן באמבען-אויפרייס.

בעת דער ערצהערצאג איז אריינגעפאהרען אין דער שמאלער פראנץ-יאזעף גאס האט מען צווייטע מאל אויסגעשאסען. צוערשט איז פערוואונדעט געווארען די הערצאגין און בויך און האט גלייך פערלוירען דאס בעוואוסטזיין. פון צווייטען שאס איז פערוואונדעט געווארען דער ערצהערצאג, די קויל האט איהם איבערגעריסען די האלז-ארטעריע. דער ערצהערצאג איז גלייך געשטארבען. דער מארד איז אויסגעפיהרט געווארען מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ. פיעל וואס זענען געשטאנען אין דער נאהענט האבען זאגאר נישט געהערט די שאסען.

סאראיעווא (פ.) דער צווייטער אטענטאט איז פארגעקומען בעת דער ערצהערצאג מיט זיין פרוי זענען געפאהרען פון ראטהויז אין מוזעאום. דער נאמיעסטניק וואס איז געפאהרען אין דעם אויטאמאביל מיט'ן ערצהערצאג איז געבליעבען אונבעשעדיגט. אויך נאכ'ן אטענטאט האט מען אין פאלאץ (קאנאק) ארויסגערופען צוויי דאקטוירים, נור זייער הילף איז שוין געווען איבריג. א גלח האט אבגעריכט א תפלה, און די טויטע האט מען ארויפגעלעגט אויף א קאטאפאלק.

ווער זענען די מערדער?

סאראיעווא (ספ.) ביידע אנפאלער האבען בעת'ן ארעסט אויסגעדריקט זייער צופריעדענהייט, וואס דער אטענטאט האט זיך איינגעגעבען. די פערברעכער האבען ערקלערט בעת'ן פערהער, אז זיי קענען ניט איינע די אנדערע, ווי ס'הייסט אויס, געהערען זיי צו א גרויס-סערבישער קאמפף-ארגאניזאציע.

זאגרעב (ספ.) אין גוט אינפארמירטע פאליטישע קרייזען איז מען דא איבערצייגט, אז דער אטענטאט אויפ'ן טהראנפאלגער איז געווען דער רעזולטאט פון א גרויס-סערבישער פערשווערונג און איז אויסגעפיהרט געווארען לויט א בעשטימטען פלאן. דעם קרוינפרינץ האט מען געהאלטען פאר א געגנער פון די סערבען. ער זאל האבען אונטערשטיצט די קלעריקאלע פארטיי אין קראאציען. שוין זייט איינינע וואכען האבען די סערבישע סטודענטען געדראהט. די עסטרייכער פלעגט מען פראוואצירען אויף די גאסען. נעכטען האט דער ארגאן פון דער גרויס-סערבישער פארטיי „נאראד", צו דער יעהרליכער פייערונג פון דער שלאכט ביי קאסאווא ארויסגעגעבען א נומער מיט א בילד פון דער דרייפארביגער סערבישער פאהן.

די שוץ-מיטלען פון דער פאליציי.

סאראיעווא (ספ.) ביידע אנפאלען זענען פארגעקומען ניט קוקענדיג אויף די שטרענגע שוץ-מיטלען, וואס די פאליציי האט אנגענומען. קיין סאראיעווא האט מען געבראכט 1000 זשאנדארמען. דאס מיליטער, וואס איז געווען אויסגעשטעלט אויף דער גאס, האט ניט צוגעלאזט דאס פובליקום גאנץ נאהענט, אויף די באלקאנען און נאנקעס האט קיינער ניט געטארט שטעהן, אפילו די בלומען און פערפוצונגען האט מען געמוזט אראבנעהמען פון די באלקאנען, כדי קיינער זאל זיך הינטער זיי ניט בעהאלטען.

סאראיעווא (ספ.) דער בירגערמייסטער האט גלייך נאכמיטאג צוזאמענגערופען א בעראטונג פון דער שטאדט-פערוואלטונג. אויף דער בעראטונג איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען איינארדנען די לויה.

איבער דער שטאדט נעהמען ארום בעוואפענטע מיליטער-פאטרולען. כ'זענען פארגעקומען גרויסע ארעסטען.

די סערבישע קלובען זענען פערמאכט געווארען.

קייזער פראנץ-יאזעף.

אישל (ספ.) בעת מ'האט דעם קייזער פראנץ-יאזעף אנגעזאגט די שרעקליכע בשורה איז ער טיעף ערשיטערט געווארען און א נידערגעשלאגענער איז ער א פאל געזעסען אויף א שטוהל אויסרופענדיג „ס'איז מיר שוין גארנישט געבליעבען אויף דער וועלט". און אין א ווייל ארום האט ער ווידער אויסגערופען: „דאס שיקזאל האט מיר שוין קיין זאך ניט איבערגעלאזט". באלד איז ער אויפגעשטאנען, האט ארויסגעגעבען א בעפעהל וועגען הויף-טרויער, און דערנאך האט ער בעשלאסען גלייך אויף מארגען זיך אומצוקעהרען מיט'ן גאנצען הויף צוריק קיין שענברון.

אישל (פ.) נישט קוקענדיג אויף דער שטארקער אויפרעגונג האט דער קייזער פראנץ-יאזעף נעכטען ביז אין אווענד געארבייט און אויפגענומען פערשידענע פערזאנען, וואס זענען געקומען מיט דעקלאראציעס. דער געזונדצושטאנד פון קייזער איז זעהר גוט.

אישל (פ.) דער קייזער פראנץ-יאזעף איז ארויסגעפאהרען קיין וויען.

דער טרויער אין סאראיעווא.

סאראיעווא (פ.) אין דער שטאדט פלאטערן אומעטום טרויער-פאהנען. אויפ'ן ארט פון אטענטאט פערזאמלען זיך גרויסע מענשען-מאסען.

דער איינדרוק אין לאנד.

וויען (ספ.) די ידיעה וועגען אטענטאט אין סאראיעווא האט זיך דא פערשפרייט מיט דער גיכקייט פון א בליץ. אויף די גאסען האבען זיך פערזאמעלט מאסען מענשען, וועלכע האבען גערעדט וועגען געשעהעניש. די קאווארניעס זענען געווען בעלאגערט. דאס פובליקום האט אוש געריסען פון די הענד די עקסטרא-אויסגאבען פון די צייטונגען. צוליעב דעם וואס פאר די רעדאקציעס פון די צייטונגען האבען זיך פערזאמעלט טויזענדער מענשען האט מען זיי געמוזט ארומשטעלען מיט פאליציי, אום איינצוהאלטען די ארדנונג.

וויען (ספ.) דא רופט ארויס א גרויסע אויפרעגונג דער פאקט, וואס דער פאליציי-שעף אין סאראיעווא האט נישט בעוויזען צו פערהיטען נאכ'ן ערשטען אטענטאט דעם צווייטען אנפאל, בעת וועלכען דער ערצהערצאג איז דערהרג'עט געווארען.

וויען (ספ.) פון אלע שטעדט און פראווינצען קומען אן דעפעשען וועגען דעם שווערען ערשיטערנדען איינדרוק וואס דער סאראיעוואע'ר אטענטאט האט אומעטום געמאכט. אימעטום ווערען די פערוויילונגען און פייערונגען אבגערופען. ס'קומען פאר פאטריאטישע מאניפעסטאציעס.

פראג (ספ.) אין אלע שטעדטישע טעאטערס זענען אבגעזאגט געווארען די פארשטעלונגען אלס צייכען פון טרויער צוליעב דעם מארד-אנפאל אויפ'ן ערצהערצאג מיט זיין פרוי.

דער איינדרוק אויף קייזער ווילהעלם.

קיל (ספ.) דער דייטשער קייזער, וועלכער איז געקומען אהער צו די פלאט-פייערונגען, האט זיך דערוואוסט וועגען דער קאטאסטראפע אין סאראיעווא תיכף נאכמיטאג. טיעף געריהרט פון דער שרעקליכער ידיעה האט ער תיכף אוועקגעשיקט א מיטגעפיהל-דעפעשע צום קייזער פראנץ-יאזעף. ער האט אויך באלד בעפוילען, אז אלע דייטשע און ענגלישע שיפען, וואס געפינען זיך אין פארט, זאלען צום צייכען פון טרויער אראבלאזען די פלאגען אויף די העלפט. אויך האט א בעזונדערע עסקאדרע געגעבען עהרליכע הארמאטען-שאסען. צוליעב'ן אטענטאט אויפ'ן עסטרייכישען טהראנפאלגער וועלען אויך אבגעשטעלט ווערען די פלאט-פייערונגען אין קיל.

דער איינדרוק אין פאריז.

פאריז (ספ.) דער פרעזידענט פואנקארע האט זיך דערוואוסט וועגען אטענטאט אויפ'ן ערצהערצאג פראנץ-פערדינאנד גראד אין דער צייט, ווען ער איז געווען אויפ'ן פלאץ, וואו ס'זענען פארגעקומען די ווייטשטיגעס אויפ'ן „גראנד-פריז". דער פרעזידענט האט גלייך געשיקט א מיטגעפיהל-טעלעגראמע דעם עסטרייכישען קייזער.

אין דער עסטרייכיש-אונגארישער באטשאפט קומען פיעל הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען, וועלכע שרייבען זיך איין אין דעם בוך, וואו ס'ווערט אויסגעדריקט מיטגעפיהל.

אין דער שטאדט האט דער אטענטאט געמאכט א טיעפען איינדרוק.

דער טרויער אין לאנדאן.

לאנדאן (פ.) אויפ'ן קעניגליכען הויף איז ארויסגעלעגט געווארען א טרויער אויף א וואך צייט. דער באל, וואס האט געזאלט פארקומען איז אבגעלעגט געווארען.

* * *

די קינדער פון טהראנפאלגער.

וויען (ספ.) נאכ'ן ערמארדעטען קראנפרינץ און זיין פרוי זענען געבליעבען דריי יתומים, די פרינצעסין סאפיא, 18 יאהר אלט, פירסט מאקסימיליאן פון 12 יאהר און פירסט ערנסט פון 10 יאהר. די קינדער געפינען זיך אין שלאס קאנאפישט, וואו מ'האט זיי דעם צווייטען טאג נאך צו וויסען געטהון וועגען דעם אומגליק.

דער נייער טהראנפאלגער.

נאך דעם טראגישען טויט פון ביז-איצטיגען עסטרייכישען טהראנפאלגער אין סאראיעווא, ווערט דער טהראנפאלגער פון עסטרייך דער ערצהערצאג קארל פראנץ-יאזעף, וועלכער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1887 און איז איצט מאיאר פון 39 פיעכאטע פולק.

דער נייער טהראנפאלגער האט חתונה געהאט מיט דער ערצהערצאגין דע בורבאן פון פארמא, וועלכע שטאמט אויך פון קייזערליכען יחוס. אין יאהר 1912 האט זיין פרוי איהם געבוירען א זוהן, וועלכען מען האט א נאמען געגעבען פראנץ יאזעף אטא.

פון שדוך מיט דער ערצהערצאגין דע-בורבא איז דער אלטער פראנץ-יאזעף שטארק צופריעדען געווען און אויך אין דער גאנצער קייזערליכער פאמיליע האט דער שדוך מיט א מיוחס'דיגער ערצהערצאגין ארויסגערופען די גרעסטע צופריעדענהייט.

(המשך'דיגע טעלעגראמען זייטע 3).

א לאדען

מיט 2 שויפענסטער און אנשליסענדע האלע, נעבען ווי אויך 2 צימער און קיכע מיט בעקוועמליכקייטען, פון 1-טען יולי צו פערמיעטען. גליבנא 41. צו ערפאהרען ביים ווירט. 918 82

וויכטיג פיר גליבנע גאס און איהר געגענד.

די דיפלאמירטע פון ווארשויער אוניווערסיטעט, **אקושערקע רבקה בארישאניהע-באטווינק** מיט 18-יאהריגע פראקטיק וואהנט יעצט אויף גליבנע 41. היילט אין ניט ראט. פיר ארמע מענשען פון 5 ביז 7 אומזיסט. 12686

ווער עס דארף געלד?

און האט איין פאליס פון א פערזיכערונגס-געזעלשאפט, זאגאר אזעלכען וועלכען מען האט אויפגעהערט צו צאהלען, קען באלד בעקומען. ווענדעט זיך פון 10 ביז 1 און פון 6 ביז 8 נאכמיטאג פעטריקאוער 58 רעכטע אפיצינע, לינקער אנגאנג, 2-טער שטאק. 974 1

ד"ר יוזעף ליעבעסקינד

פראקטיצירט ווי פריהער אין מאריענבאד הויז „קראנפרינץ".
5663 3 3

Dr. D. ALTERMAN
דר. ד. אלטערמאן
נאוואטיעסקא 6, טעלעפ. 84-10.
אינערע קראנק. הערץ- און לונגען-קראנקהייטען. עמפפאנגט ביז 11 אוהר פריה און פון 5—8 נאכמיטאג. 1740

Dr. med. H. Rożaner
ד"ר מעד. ה. ראזשאנער
ביז'ן 30 יולי: ציגעלניא-שטר. 4 טעל. 33-31
געוועזענער אסיסטענט פון דער בערלינער קליניק. ספעציאל-ארצט פיר הויט און וועגערישע קראנקהייטען. נייעסטע מעטאדען צור היילונג פון בלאזען-קראנקהייטען (טריפער) און סיפיליס (קאטעטעריזירונג בעהאנדלונג) מיטגליעד-שטעלע, בעלייכטונג פון הארן-קאנאל. היילונג פון האר-אויספאלען. שפרעכשטונדען פון 9—12 און 4—8½ נאכם.

Dr. med. J. Leibowicz
ד"ר מעד. י. לייבאוויטש
דזשעלנא 34
אסיסטענט פון פראפעסאר קיסטנער אין (ברעסלוי), האט זיך בעזעצט אלס ספעציאלארצט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען. הארנקראנקהייטען. דער פרויען. שפרעכשטונדען: ביז 10 פריה און פון 4 ביז 6 נאכם. 23 5695

מיר דריקען אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל אונזער פערוואלטונגס-מיטגליעד ה' אברהם וואללאך צוליעב דעם פריהצייטיגען פערשטארבען פון זיין טאכטער

נ"ע בשה איטקין

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג
פון „מלביש ערומים".
5901

נייע גרושים אין קיעוו.

(פון אונזער קארעספאנדענט).

קיין מאל האט נאך די קיעווער יו־רישע בעפעלקערונג נישט געלעבט אונ־טער אזעלכע שווערע בעדינגונגען, ווי דאס לעצטע יאהר. עס געהט נישט דורך דער טאג, וואס די גובערנסקע פערוואלטונג זאל נישט מאכען נייע „ערקלערונגען" און די רייה פון די אונגליקליכע גרושים ווערט גרעסער און גרעסער.

קיעוו האט זיך קיינמאל נישט אויס־געצייכענט מיט קיין בעזונדער'ס פריינד־ליכער בעציהונג צו די יודען און די איצטיגע גובערנסקע פערוואלטונג מיט'ן גובערנאטאר בראש איז טריי די קיע־ווער טראדיציעס... און דאך איז פו־רישקעוויטש נישט צופריעדען מיט'ן קיעווער גובערנאטאר סוקאווקין, וועל־כער איז כלומר'שט א יודען־פריינד. און אט דער דאזיגער „יודען־פריינד" שרייבט טאג־טעגליך אונטער פאפירען וועגען נייע גרושים.

ביי די פריהערדיגע גובערנאטארען (טרעפאוו, איגנאטיעוו, גירס) זענען ארויסגעשיקט געווארען נור אזעלכע יודען, וועלכע האבען נישט געהאט קיין רעכט אויף צו וואוינען אין קיעוו, אדער אזעלכע, וואס האבען זיך בענוצט מיט אונגעזעצליכע צייגנישען, אדער אזעלכע, וואס דאס געריכט האט פער'משפט ארויסצושיקען לויט'ן פאראגראף 1171.

די לעצטע צייט זענען פער'משפט געווארען ארויסגעשיקט צו ווערען איי־ניגע טויזענד יודישע פאמיליעס פון יודישע בעלי-מלאכות: שניידער'ס, איינ־בינדער'ס, שוסטערס א. אנד.

די דאזיגע מענשען פערברייניגען פון שטענדיג אן מעגליך ביי'ם ווארשטאט און ווייסען נישט פון קיין שום זאך, און פלוצלונג קומט צו זיי א פאליציסט און לעזט זיי פאר א פעראָרדנונג וועגען ארויסשיקען זיי פון קיעוו.

די אונגליקליכע יודישע בעלי-מלאכות ווייסען נישט, פאר וואס זיי ווערען ארויסגעשיקט, ווייל לויט'ן געזעץ הא־בען זיי דאך אלס בעלי-מלאכות דאס רעכט צו וואוינען אין קיעוו...

אבער ס'העלפט נישט...

אין דער גובערנסקער פערוואלטונג געפינט זיך א „סטאטסקי סאוויעטניק" נאנדרעלשטעדט, וועלכער איז די רעכטע האנד פון גובערנאטאר. אין א געשפרעך מיט א צייטונגס-ארבייטער האט ער אפען געזאגט:

— איך בין צופרידען, כ'בין זעהר צופרידען, וואס מען האט ענדליך גע־זאגט די יודען: קריכט נישט קיין קיעוו. דאס איז נישט איינער שטאדט און בע־ווענט זי נישט. איך וועל נאך צוגריי־טען אזעלכע צירקולארען, וועלכע וועלען די יודען איננאנצען ארויס־טרייבען פון קיעוו.

פון די ווערטער איז שוין גענוג קלאר די סיבה, פאר וואס די לעצטע צייט ווערען אזוי פיעל יודישע פא־מיליעס ארויסגעשיקט פון קיעוו.

די וואך זענען פער'משפט געווארען ארויסגעשיקט צו ווערען איבער 5000 יודישע פאמיליעס. דער גורל פון די דאזיגע אונגליקליכע איז אונגעהייער טרויעריג: ס'פעהלט פשוט אויס הילף פאר זיי. מיט א קורצער צייט צוריק זענען פערטיילט געווארען צווישען די גרושים איבער 8000 רובל, וועלכע מ'האט צוזאמענגענומען.

די יודישע בעפעלקערונג אין קיעוו לעבט אין פאנישע שרעק; קיינער איז נישט זיכער מיט'ן מארגענדיגען טאג. די „ערקלערונגען" האבען אנגענומען אזא שארפען כאראקטער, אז קיינער איז נישט זיכער אין דעם, אז מארגען וועלען די „ערקלערונגען" בעריהרען א נייע קאטעגאריע יודען, וועלכע זענען היינט בירגער מיט פאלשטענדיג פעסטע און געזעצליכע רעכט. דארף מען דען נאך מעהר געזעצליכע זיכערהייטס־רעכט, ווי ס'האט געהאט דער געוועזענער קיעווער רב' צוקערמאן, וועלכער איז א „פאטאמסטווענני גראזשדאנין" און איז אין קיעוו געווען 25 יאהר רב! צוקערמאן איז א קיעווער בירגער און צו וואוינען אין קיעוו האט ער נישט קיין רעכט.

זאגאר דער קיעווער פאליציימייסטער, וועלכען דער גובערנאטאר האט פער־אָרדענט ארויסצושיקען צוקערמאנ'ען אין פערלויף פון 24 שעה, איז געווען ערשטוינט. ער האט אבער געמוזט ער־פילען די פעראָרדנונג פון דער גו־בערנסקע פערוואלטונג.

די יודישע בעפעלקערונג לעבט איצט איבער א שווערע צייט. אמאל האבען זיך די „פערשעמטע" און „ערנידריגטע" וועניגסטענס געהאט צו וועמען צו ווענדען. לעבען דאך אין קיעוו אזעלכע אנגעזעה־נע יודען, ווי בראדסקי, מארגאלין, האל־פערין. היינט קאן מען זיך צו זיי אויך נישט ווענדען, ווייל... זיי אליין זענען נישט זיכער מיט'ן מארגענדיגען טאג.

מען דערצעהלט זאגאר פאקטען, אז ווען אין קיעוו איז געווען א וואסער־הונגער, האט מען ארויסגערופען מאר־גאלינ'ען און איהם געזאגט:

— מ'וועט אייך ארויסשיקען אין פערלויף פון 24 שעה, אויב איהר וועט נישט בעזארגען די בעפעלקערונג מיט וואסער.

מארגאלין איז געווען דער דירעק־טאר פון דער וואסער-לייטונגס-געזעל־שאפט.

א צווייטען פאקט גיט מען אויך איבער וועגען בראדסקי'ן.

מ'האט איהם איין מאל ארויסגע־רופען און איהם „פריינדליך" געראטען צו פערקויפען זיינע אקציעס, ווייל ס'יי־ווי־ס'יי וועט מען ביי די יודען אבנעה־מען דאס רעכט צו בעטייליגען זיך אין צוקער-אונטערנעהמונגען.

און אט קענט איהר זיך פארשטעלען, וואס פאר א אטמאספערע דאס שאפט פאר די יודען.

דאס קאנטאר פון יק"א איז איבער־פולט, די אונגליקליכע אונזיכערע יודען איילען זיך צו בעראטען זיך מיט דער געזעלשאפט, וואוהין צו אנטלויפען.

קיעוו. י. גיטלין.

מאג-נאטיצען.

זיי האבען די געדולד פערלוירען...

די אדעסער סאיוזניקעס האבען, נע־בעך, שוין די געדולד פערלוירען...

און טאקי, ווי קאן מען נישט ארויס פון געדולד, ווען טאג טעגליך פאלען אן די פראגרעסיווע צייטונגען אויף זייער אבנאט, אויף פורישקעוויטש'ן!

ווי קאן מען נישט די געדולד פער־ליערען, ווען די צייטונגען מאכען חוזק פון זייער „העלד" פורישקעוויטש'ן דורך קאריקאטורען!

אפילו א געדולד פון אייזען וואלט דאך אויך סוף כל סוף געמוזט פלאצען, צוקוקענדיג אזא „אונערהערטען" אב־לאכען...

און ווען די געדולד פלאצט ביי די סאיוזניקעס, ווייסט איהר דאך וואס זיי טהוען—זיי כאפען זיך צו די נאגאיקעס, צו די „דובינקעס" און הויבען אן סטראשען...

סטראשען די אדעסער סאיוזניקעס-די אדעסער רעדאקטארען, אז ווען זיי וועלען נישט אויפהערען צו טשעפען פורישקעוויטש'ן, וועלען זיי זיך שוין אבּרעכענען...

זיי וועלען נקמה נעהמען פאר פוריש־קעוויטש'ס פערשוועכטען כבוד; זיי וועלען ווייזען, וואס הייסט אנריהרען דעם „גוטען נאמען" פון זייערען א מענשען.

און אז די סאיוזניקעס זאגען און פערשפרעכען עפעס—מעגט איהר זיי גלויבען.

זיי האלטען ווארט—בפרט אין אזעלכע ענינים!

און אדעסער רעדאקטארען און זשור־נאליסטען געדענקען נאך גאנץ גוט די אנפאלען פון די סאיוזניקעס אויף די רעדאקציעס פון די פראגרעסיווע צייטונ־גען בעת די אדעסער שטאדט-וואהלען און אנדערע געשעהענישען...

ביי די אדעסער „סאיוזניקעס" איז אפשר דאס „עושה" פיעל לייכטער פון „אומר"...

ציטערן טאקי די אדעסער רעדאק־טארען און זיי וועלען שוין פערזאגען א צעהנטען צו פערטשעפען פוריש־קעוויטש'ן...

* * *

אז, פונקט ווי די אדעסער רעדאק־טארען, ציטערן אויך די רומענישע יודען.

און ווען איהר ווילט, איז די שרעק פון די רומענישע יודען א ביסעל, אי טאקי—פיעל שטארקער פון די שרעק פון די אדעסער רעדאקטארען!

ווי נישט ווי האבען דאך די אדעסער רעדאקטארען פארט א גראדאנאטשאל־ניק נישט טאלמאטשעווו און זיי האבען צו וועמען צו לויפען, פאר וועמען-זיך צו בעקלאגען...

פאר וועמען וועלען זיך בעקלאגען די רומענישע יודען, צו וועמען וועלען לויפען די אומגליקליכסטע פון די אומגליקליכע?

ווער וועט זיך פאר זיי אננעהמען, ווען די רומענישע פאגראמטשיקעס האבען היינט אויסגעשריגען צו אלעמען:

— נעהמט די דובינעס און שלאגט די זשידעס—קיין שטראף וועט איהר נישט האבען!

נישקשה, די רומענישע פאגראמ־שטשיקעס ווייסען וואס זיי רעדען—פאר שלאגען יודען, פאר דערניעדריגען זייער עהרע, פאר זיי בעליידיגען און רודפ'ן—

פאר אזעלכע „קליינינקייטען" ווערט מען אין רומעניען נישט בעשטראפט...

כאטש עס איז פארהאן א „בערלינער טראקטאט", כאטש ענגלאנד האט צו־געזאגט צו פערטיידיגען די יודען פון באלקאן...

פון אזעלכע זאכען לאכט מען זיך אויס אין רומעניען...

און נישט אימזיסט ציטערט די הויט אויף די רומענישע יודען.

די אדעסער רעדאקטארען געפינען זיך פארט אין א בעסערע לאגע פון די רומענישע יודען.

לאזער י.

די איינוואנדערונג קיין ארץ ישראל פון באלקאן.

(פון אונזער קארעספאנדענט).

צוליעב די גרויסע פאליטישע ענ־דערונגען, וואס זענען די לעצטע צייט פארגעקומען אויפ'ן באלקאן און פון וועלכע די יודישע לאגע האט זיך פיעל פערערגערט, האט זיך פערשטארקט די עמיגראציע פון די באלקאן-יודען קיין ארץ ישראל.

טאג טעגליך קומען אן קיין יפו יודישע איינוואנדערער פון די באלקאן־לענדער, וועלכע ליידען פיעל ביז זיי דערשלאגען זיך צו עפעס א מעמד. כדי זיי צו העלפען איז די טעג אין יפו אבגעהאלטען געווארען אין „פא־לעסטינא-אמט" א גרעסערע בעראטונג פון די יודישע כלל-טהוער צו געפינען מיטלען, ווי צו העלפען די איינוואנ־דערער פון באלקאן.

איינער פון די כלל-טהוערס האט אריינגעטראגען א פארשלאג צו גרינדען א שטענדיגען אימיגראציאנס-ביורא, וועל־כער זאל אויף זיך איבערנעהמען די גאנצע ארגאניזירונג פון הילף פאר די איינוואנדערער בכלל און פון די באל־קאן-יודען בפרט.

לויט'ן פארשלאג, דארף דער ביורא בעשטעהן פון א געדונגענעם סעקרעטאר און פון א קאמיטעט פון דריי כלל־טהוער. די מיטגליעדער פון ביורא וועלען זיך בעשעפטיגען מיט די איי־נוואנדערער פון שיף אן ביז זיי וועלען בעקומען וועלכע עס איז בעשעפטיגונ־גען אין לאנד.

אויסהאלטען דעם ביורא וועט די ציוניסטישע ארגאניזאציע און דער אדע־סער פאלעסטינא-קאמיטעט.

דער פארשלאג וועגען גרינדען אזא ספעציעלען „אמיגראציאנס-ביורא" איז אנגענומען געווארען און אלס זיינע פיהרער זענען אויסגעוועהלט געווארען די ה"ה: שיינקין, שפרינצאק, שלוש און עהרליך.

עס איז אויך בעשלאסען געווארען, אז איין מאל אין צוויי וואכען זאלען זיך צוזאמענקומען די פערטרעטער פון אלע ארגאניזאציעס, וואס האבען א שייכות צו דער איינוואנדערונג און צו־זאמען מיט די מיטגליעדער פון ביורא בעטראכטען אלע לויפענדע פראגען פון אימיגראציאנס-לעבען.

עס איז אויך בעשלאסען געווארען צו גרינדען א קלוב פאר די איינוואנדערער. דער קלוב וועט זיין אפען אין די טעג ווען די שיפען קומען אן און דער אי־מיגראנט וועט קאנען דארט אריינקומען און געפינען פערזאנען, וואס וועלען איהם געבען גענויע אינפארמאציעס וועגען אלץ און אזוי ארום וועט דער אי־מיגראנט זיך קאנען שאפען א בעגריף פון די נייע פערהעלטנישע, אין וועל־כע זיי זענען אריינגעקומען.

מ. ז. ג.

וועלט-נייעס.

א פרעהליכער קעניג.

די מינכענער צייטונגען דערצעהלען אינטע־רעסאנטע פאקטען וועגען דעם, ווי אזוי דער טשערנאגארישער קעניג ניקאלאי און זיין טראהנפאלגער דאנילא ווילען זיך.

מיט איינינע טעג צוריק איז דער טשערנאגא־רישער קעניג מיט'ן טראהן-פאלגער אנגע־קומען קיין מינכען, וואו ער האט בעזוכט איי־ניגע געשעפטען „אינקאגניטא" און איינגע־קויפט פערשיעדענע זאכען. דער קעניג מיט'ן טראהן-פאלגער זענען געווען זעהר הומאריס־טיש געשטימט, אריינקומענדיג אין א פאפיראָ־סען-געשעפט, האט דער קעניג געהייסען זיך געבען פאפיראסען „דאנילא". דער קעניג האט דערביי דעם איינקויפער געפרעגט:

— צי ווייסט איהר, ווער עס איז דאנילא?

— געוויס, — האט יענער געענטפערט, — דאס איז דער טשערנאגארישער טראהן-פאלגער.

— און צי האט איהר איהם שוין ווען געזעהען?

— ניין.

— מא קוקט זיך צו צום יונגען הער, — דאס איז דער טראהנפאלגער פון טשערנאגאריען.

דאן האט דער טראהן-פאלגער געפרעגט דעם איינקויפער פון געשעפט:

— און דעם טשערנאגארישען קעניג האט איהר שוין געזעהען?

— ניין.

— מא קוקט זיך צו צום עלטערען הער, — דאס איז דער קעניג.

* * *

פרויען-פערבאנד געגען גע'גט'ע מענער.

דעם אמעריקאנער געריכט האט פון ערשטען יאנואר 1911 ביז'ן ערשטען יאנואר 1914 ארויסגעטראגען 10,534 גט'ן. פון דער צאהל זענען 9723 גט'ן געווען צוליעב דעם, וואס די מענער זענען מיעד געווארען פון די היי־ראטס-פענטען און האבען זיך פון זיי געוואלט בעפרייען.

די דאזיגע אומשטענדען האבען געפיהרט די אמעריקאנער פרויען דערצו, אז זיי האבען אנגעהויבען צו טראכטען וועגען א מיטעל צו קעמפפען געגען די גט'ן.

די טעג האבען ביז 15 טויזענד אמעריקא־נישע פרויען אבגעהאלטען א קאנגרעס, אויף וועלכען ס'איז בעטראכט געווארען די פרא־גע. איינע פון די פרויען אויפ'ן קאנגרעס האט פארגעשלאגען צו גרינדען א פרויען-פערבאנד גע־גען גע'גט'ע מענער. לויט די סטאטוטען פון פערבאנד טארען די מיטגליעדער נישט חתונה האבען מיט אזעלכע מענער, וועלכע האבען זיך גע'גט מיט זייערע פרויען.

ס'איז אבער שוין געגרינדעט געווארען א צווייטער פרויען-פערבאנד, וועלכער האט זיך געשטעלט דאס ציעל דווקא צו חתונה'ען מיט גע'גט'ע מענער...

א סענאטס-ערקלערונג וועגען יודישע גרושים.

ס'איז פובליקירט געווארען אנ'אוקאז פון סענאט וועגען דער פראגע, צי די אדמיניסטראציע האט דאס רעכט ארויס־צושיקען פון די שטעדט, וואס געפינען זיך אויסער דער „טשערטא", אזעלכע יודען, ביי וועלכע די געריכטס-אויס־פארשונגס-מאכט האט זייער פערפליכטעט דורך א אונטערשריפט, נישט ארויסצו־פאהרען פון זייערע וואוין-ערטער.

דער סענאט האט ערקלערט, אז דאס, וואס דאס געריכט האט פער־פליכטעט דורך א אונטערשריפט פון אזעלכע יודען, וועלכע וואוינען אויסער דער „טשערטא", נישט ארויסצופאהרען פון זייער וואוינארט, קאן נישט אבהאל־טען די אדמיניסטראציע פון ערפילען דאס געזעץ וועגען ארויסשיקען די יודען. פון דער צווייטער זייט, ערקלערט דער סענאט, אז די פארערונג פון דער אד־מיניסטראציע ארויסצושיקען די יודען פון דעם ארט, וואו ס'איז זיי פערבאטען צו וואוינען, פערניכטעט נישט די גע־זעצליכע בעדייטונג פון דער אונטער־שריפט, וואס דאס געריכט האט גענומען וועגען נישט ארויספאהרען.

לויט דער דאזיגער ערקלערונג קומט אויס, אז די אדמיניסטראציע טאר נישט ארויסשיקען די יודען, וועלכע האבען געגעבען א אונטערשריפט דער געריכטס־אויספארשונגס-מאכט, אז זיי טארען נישט ארויספאהרען פון זייערע וואוינ־ערטער, ווייל דאס געריכט וועט דאן נישט ווייסען, וואו די דאזיגע יודען גע־פינען זיך.

אום אויסצומיידען די מיספערשטענד־נישע, וואס קענען ביי אזעלכע פאלען פארקומען, מוז די אדמיניסטראציע מעלדען דער געריכטס-מאכט וועגען די יודען, וועלכע די אדמיניסטראציע האט פעראָרדענט ארויסצושיקען און וועלכע האבען זיך פערפליכטעט דורך א אונ־טערשריפט נישט ארויסצופאהרען פון זייערע וואוינערטער. דערביי מוז די אדמיניסטראציע אויך מעלדען, וואוהין די דאזיגע יודען ווערען ארויסגעשיקט. אויף אזא אופן וועט די אונטערשריפט, וואס דאס געריכט האט גענומען ביי די יודען, נישט פערלירען איהר בעדייטונג.

די פערפידרטע מוטער

אדער

די אומגליקליכע טאכטער.

א שפאנענדער ראמאן פון לאדזער לעבען.

32)

— איך האלט איין ביים ווארט,— האט זיך דארא אנגערופען,—איך ווייס נים, וואס מיט מיר קען זיין... איך בעשולדיג אייך קיינעם נים, נאר איינער פליכט איז, אז איהר זאלט מיר נישט לאזען פאלען...

— איך שווער אייך, אז איך וועל אייך קיינמאל נישט פערלאזען,—האט פריים אויסגערופען.

— געדענקט, א פרוי קאן נעהמען נקמה, — האט דארא א זאג געטהון,— גרויזאמע נקמה.

פריים איז בלאס געווארען, אבער ער האט עס געהאלטען פאר א שפאס און האט נים געענטפערט דערויף.

דארא האט איהם נאך דערמאהנט, אז אין א פאר טעג מוז געמאכט ווע־רען א רעיענטאלישער אקט וועגען דעם, אז ער זאגט אב א טייל פון זיין פער־מעגען אויף זיין קינד, און אפרעדענדיג צווישען זיך, ווען זיי זאלען זיך ווידער טרעפען ביי פעליא'ן, זענען זיי זיך פונאנדערגעגאנגען.

33. א געהיימער דאקומענט.

דאס קינד, וואס איז ערצויגען געווארען ביי יאנקעל דעם וועבער, האט מען א נאמען געגעבען זיגוש. די ערשטע פאר טעג פלעגט פעליא אראבקומען צו יאנקל'ען נאכזעהען, ווי מען האלט דאס קינד, אויך איז דארא'ס שוועסטער איינינע מאל געקומען קיין באלוט נעהמען ווערען צום קינד, אבער שפעטער האבען זיי אויפגעהערט צו געהען אהין, ווייל דארא האט מורא געהאט, אז מאקס זאל זיך דערוויסען, אז מען האט איהם אבגענארט.

און מאקס האט ווירקליך געלעבט מיט דעם גלויבען, אז דאס קינד איז געשטארבען. בכלל איז ער אבער זעהר גלייכגילטיג געווארען צו אלעמען; ער האט זיך מיט קיין זאך נים אינטערעסירט און האט אפילו שוין אויפגעהערט נאכצוקוקען נאך דארא'ן, וואוהין זי געהט און מיט וועמען זי בעגע־גענט זיך. ווארשאווויאק'ן פלעגט ער אפט זאגען:

— איך פיהל, אז מיין ענדע קומט.

דארא פון איהר זייט האט אנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען, אום נים אויפצורייצען מאקס'ן, וועלכער איז ווירקליך געווען זעהר קראנק. דערהויפט האט זי זיך בעמיהט צוצובינדען איהם צו די קינדער, פון וועלכע ער האט זיך די לעצטע צייט געהאט דערווייטערט. זי פלעגט צו איהם אפט אריינשיקען די עלטערע טאכטער זאפיא, אז זי זאל רײדען מיט'ן פאטער און אויספרעגען איהם וועגען זיין געזונד. איהר מוח איז נים געווען אומזיסט; מאקס איז ווירקליך געווארען צוגעבונדענער צו די קינדער און אפטמאל פלעגט ער זי אויספרעגען, וואס די מוטער מאכט און צי זי רעדט וועגען איהם.

אויף אזא אופן האבען זיך אנגעהויבען פערבעסערן די בעציהונגען צווי־שען מאן און ווייב, און דאך ווען זיי פלעגען זיך צוזאמענקומען בײדע האט זיך געפיהלט א געוויסע שפאנונג און אנגעצויגענקייט צווישען זיי.

דארא האט אלץ געזוכט א געלעגענהייט זיך צו בעפרייען פון פריים'ן. זי האט אפילו געוואוסט און געפיהלט, אז דאס וועט איהר שווער אנקומען, ווארום פריים וועט זי נים אבלאזען, און זי האט שוין אויך נים געגלויבט, אז מאקס זאל ווערען צו איהר דער איינענער ווי ער איז געווען, אבער דאך האט זי נאך געהאפט אויף עפעס.

אין עטליכע טעג ארום נאכדעם ווי זי האט זיך בעגעגענט מיט פריים'ן ביי פעליא'ן אין דער וואוינונג איז זי זיך ווידער צוגויפגעקומען מיט איהם ביי פעליא'ן.

פריים האט ערפילט, וואס ער האט צוגעזאגט.

— אט דא איז דער רעיענטאלישער אקט,—האט ער געזאגט און איבער־געגעבען דארא'ן א פאפיער.

אין דאקומענט איז געזאגט געווען, אז דאס קינד וואס האט בעקומען דעם נאמען זיגוש פריים, איז א זוהן פון באנקיר ארטור פריים; ווייטער איז דארט געזאגט געווען, אז זיגוש האט דאס רעכט צו פארערן א טייל פון פערמעגען פון זיין פאטער. אין דעם דאקומענט איז גענוי בעשטימט געווען, ווי גרוס דער טייל איז.

— איך דאנק אייך,—האט זיך דארא אנגערופען זייענדיג טיעף געריהרט פון פרייער, וואס איהר קינד האט בעקומען א נאמען און איז פערזארגט געווא־רען, אז ווען ער וועט אויפוואקסען זאל ער נים דארפען ליידען קיין נויט אין לעבען.

פריים האט געקוקט אויף איהר בעת זי האט געלייענט דעם דאקומענט, און האט קיין ווארט נים גערערט. ערשט איצט האט ער אנגעהויבען צו פער־שטעהען די געפיהלען פון א פרוי.

— אט האט איהר אויך די פאטאגראפיע,—האט ער פלוצלונג א זאג גע־טהון, וועלענדיג איהר בעווייזען, אז ער האט אלץ ערפילט, וואס זי האט איהם געהייסען.

דארא האט גענומען דאס בילד אין דער האנד אריין. אויפ'ן בילד איז געווען אבגעפאטאגראפירט פריים מיט זיגוש'ן. זי האט לאנג געקוקט אויף זיי און איז נים אימשטאנד געווען ארויסצורײדען א ווארט.

ענדליך האט זי זיך אויפגעהויבען און דערלאנגט פריים'ן א טינט און פעדער.

— שרייבט אויף דעם בילד,—האט זי א זאג געטהון צו איהם.

— וואס נאך זאל איך שרייבען,—האט פריים א פרעג געטהון,—איך האב דאכט זיך שוין גענוג געשריבען.

— ניין, איהר מוזט אנשרייבען אויף דעם בילד, אז איהר זענט דער פאטער פון דעם קינד... און איינער נאמען זאלט איהר אונטערשרייבען.

פריים האט געפאלגט, וואס זי האט איהם געהייסען. ער האט אויפגע־שריבען אויפ'ן בילד דאס וואס זי האט איהם דיקטירט.

— נו, איצט זענט איהר צופריעדען?—האט ער א פרעג געטהון.

— צופריעדען,—האט זי קורץ געענטפערט.

דארא איז אויפגעשטאנען און ארויסגעגאנגען אין א צווייטען צימער האט זי אריינגערופען יאנקל'ען, וועלכען זי האט פריהער געהייסען מען א הער. זי האט גענומען א גאלדענעם מעדאליאן מיט א קייטעלע, וואס זי האט געבראכט מיט זיך און אויסשניידענדיג דאס בילדעל מיט פריים אויפשריפט, האט זי עס אריינגעלעגט אין מעדאליאן.

— אט דעם מעדאליאן, — האט זי געזאגט צו יאנקל'ען, — זאלט איהר אויפהענגען דעם קינד אויפ'ן האלז, און זעהט, אז מען זאל קיינמאל נים אראב־נעהמען דעם מעדאליאן. דאס קינד זאלט איהר היטען ווי איינער אויג אין קאפ.

יאנקעל איז אוועקגעגאנגען. אין דעם מאמענט איז אריינגעקומען פעליא, וועלכע האט איבערגעגעבען דארא'ן א קליינע זעהר פיין אויסגעארבייטע אייזערנע קאסעטקע.

— אין אט דעם דאקומענט, — האט דארא געזאגט אריינלעגענדיג דעם רעיענטאלישען אקט אין דער קאסעטקע,—וועל איך בעהאלטען ביי מיר.

זי האט איינגעשלאסען דעם אקט אין דעם קליינעם אייזערנעם קאסטעלע, וואס פעליא האט איהר דערלאנגט.

און א פאר מינוט ארום איז דארא אוועקגעגאנגען טראגענדיג מיט זיך די קאסעטקע, קומענדיג א היים האט זי בעהאלטען דעם דאקומענט, ווי מען פלעגט בעהאלטען א טייערען אוצר.

נאך דעם בעגעגעניש מיט פריים'ן איז דארא מיט א מאל רוהיגער גע־ווארען, עפּיס ווי א שטיין וואלט איהר אראב פון הארצען. זי האט בעשלאסען ביי זיך פון איצט אן אויסצומיידען פריים'ן און נים מעהר צו בעגעגענען זיך מיט איהם, און ווירקליך, האט זי זיך איצט אנגעהויבען אינטערעסירען מעהר מיט די קינדער, פלעגט זיצען אין דער היים און זעהר זעלטען ארויסגעהען אליין, אויך האט זי געזוכט וואס וועניגער צו טרעפען זיך מיט פעליא'ן, און האט בכלל אנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען אריינצוברענגען מעהר רוהיגקייט און פריידען אין איהר פאמיליען-לעבען.

מאקס האט עס בעמערקט, און כאטש ער איז געווען זעהר ניעדערגע־שלאגען און מעלאנכאליש האט ער דאך אנגעהויבען ארויסצווייזען איהר מעהר אויפמערקזאמקייט.

(פארזעצונג קומט).

וואס הערט זיך אין לאדז.

וועגען דער לאדזער גובערניע.

נעכטען איז אין דער פעטריקאווער גובערנסקיער פערוואלטונג אנגעקומען א אפיציעלע מעלדונג פון ווארשויער גענעראל-גובערנאטאר, אין וועלכער עס ווערט ערקלערט, אז צוליעב דעם, וואס דער פראיעקט וועגען איבערפיהרען קיין לאדז די קאלישער גובערניע האלט שוין ביים פערווירקליכט ווערען, זאל דער פעטריקיווער גובערנאטאר ארויסזאגען זיין מיינונג צי ס'וואלט ניט גלייך געווען, אז ביז דער צייט ווי די גובערניע וועט אריין קיין לאדז, זאל דערווייל דער לאדזער פאליצמייסטער ארויסגעבען אלע איינוואוינער פון לאדז און איהר אומגעגענד אויסלענדישע פעסער, וועלכע מען פלעגט ביז איצט גאר ארויסצוגעבען אין פעטריקאוו.

דער פייערליכער שול-אקט אין האנדווערקער „ת״ת״.

(ג) אין דער אנוועזענהייט פון דער פערוואלטונג, פיעל מיטגליעדער, פארשטעהער פון דער פרעסע, געלאדענע געסט און פעדאגאגישען פערסאנאל איז נעכטען פארמיטאג פארגעקומען דער פייערליכער שול-אקט אין דער האנדווערקער „תלמוד תורה״.

די פייערונג איז פארגעקומען אין דער טורן-האלע פון דער שולע, וועלכע איז געווען שעהן דעקארירט און בעהאנגען מיט מאסען צייכנונגען און אייל-בילדער פון די שילער.

ארום 12 א זייגער הויבט זיך אן דער שלוס-אקט, וועלכער ווערט געעפענט דורכ'ן שול-כאר אונטער דער לייטונג פון ה' דארגוזשאנסקי. דערויף הויבען זיך אן די דעקלאמאציעס פון די שילער. דער שילער מארגוביקא דעקלאמירט פושקינ'ס א ליעד, דער שילער שאליט דעקלאמירט אויף העברעאיש שאפירא'ס א ליעד, דער שילער שווארץ דעקלאמירט אויף דייטש און די שילער קאלינסקי, שפילקא און מינצבערג פיהרען אויס מיט ערפאלג א סצענע פון אלעקסאנדער פרעדרא'ס קאמעדיע „די נקמה ביי דער גרעניץ-מויער״.

נאך א קורצער פויזע הויבען זיך אן די גימנאסטישע איבונגען פון די שילער אונטער דער לייטונג פון טורן-לעהרער ה' ש. עדעלשטיין, וואס רופט ארויס בעגייסטערונג ביי די פערזאמעלטע. מען בעלוינט מיט שטורמישע אפלאדיסמענטען די געשיקטע יונגע טורנער און זייער טורן-לעהרער.

דער לעהרער פון דער שולע, ה' י. ווינבערג לעזט דערויף פאר דעם בעריכט פון פעדאגאגישען קאמיטעט פון דער שולע, וועלכען מיר האבען שוין פערעפענטליכט. דערביי ווערט פערטיילט צווישען די שילער: 24 אויסצייכנונגען און 21 „נאגראדעס״.

נאכ'ן פערטיילען פון די אויסצייכנונגען, „נאגראדעס״ און די אטעסטאטען געזעגענט זיך מיט די גענדיגטע שילער אין נאמען פון פעדאגאגישען-פערסאנאל דער דירעקטאר ה' א. שווייצער.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג געזעגענט זיך מיט די שילער דער פרעזעס ה' סטאניסלאוו יאראטשינסקי און דאנק דערביי דעם שול-דירעקטאר ה' א. שווייצער, דעם טורן-לעהרער ה' עדעלשטיין און דעם איבריגען לעהרער-פערסאנאל פאר זייער איבערגעבענער טהעטיגקייט לטובת די שילער.

פון האלץ-ארבייטער-פעראיין.

(ג) פארגעסטערן אין אווענד איז אין איינגענעם לאקאל (פעטריקאווער 20) אונטערן פארזיץ פון ה' מנשה פעלזענשטיין פארגעקומען א פאך-פערזאמלונג פון די בוי-טישלער, וואס געהערען צום האלץ-ארבייטער-פעראיין.

אויף דער פערזאמלונג איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען דער שטארקער ארבייטסלאזיגקייט, וואס ס'הערשט אין דעם פאך און אויך וועגען דעם וואס די ארבייטער בעקומען ניט פינקטליך אויסגעצאהלט.

די פערזאמלונג בעשליסט צווישען אנדערען, אז די פארטרעטער פון די בוי-ארבייטער און די פערוואלטונג זאל צושטעלען א רשימה פון די ווארשטאטען, וואו מ'צאהלט נישט פינקטליך אויס און מען זאל זעהן, אז ס'זאל גענויגליך פערזיכערט זיין די אויסצאהלונג אלע 2 וואכען.

פון נייעם יודישען „קאמי-פעראיין״.

מיר מאכען אויפמערקזאם די מיטגליעדער, אז היינט דיענסטאג פון 9 ביז 11 אוהר אין אווענד קאן מען זיך פערשרייבען פאר אבאנענטען ביי דער ביבליאטעק פון פעראיין (וואולטשאנסקא 21) און בעקומען ביכער, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען אומזיסט געגען 1 רובל קויציע.

די ביבליאטעק איז אפען דיענסטאג און דאנערשטאג פון 9 ביז 11 אין אווענד און שבת פון 11 ביז 1 א זייגער אין דער פריה.

די רעזולטאטען פון גארטען-פערוויילונג פון „לינת-החולים״.

(ג) דער רעזולטאט פון דער „לינת החולים״ גארטען-פערוויילונג אין העלענענהאף איז ווייט נישט אזא גוטער, ווי מען האט גערעכענט פון די העכער 8000 בילעטען, וואס דער פעראיין האט צושיקט איבער דער שטאדט, האט מען צוריקגעשיקט אנ'ערך 6000 בילעטען, אזוי, אז דאס פובליקום האט דערהאלטען קוים 2000 בילעטען.

אין גארטען גופא איז בעת דער פערוויילונג געלונגען צונויפצוזאמלען העכער 3000 רובל.

די אלגעמיינע הכנסה פון דער פערוויילונג בעטרעפט העכער 5000 רובל. אויסגאבען זענען געווען העכער 2500 רובל, אזוי, אז דעם פעראיין איז געבליבען פון דער פערוויילונג קנאפע 2500 רובל, בעת אין די פערגאנגענע יאהרען פלעגט דעם פעראיין בלייבען פון די פערוויילונגען פון 4000 ביז 5000 רובל.

וועגען עפענען א מנין אין לאדז

(ש) מיט א געוויסע צייט צוריק איז ח' וואלף גאטעק פון לאדז, קאנסטאנטינער גאס 69, איינגעקומען מיט א בקשה צום פעטריקאווער גובערנאטאר, אז ער זאל אוחם ערלויבען צו עפענען א מנין צום דאווענען און זיין הויז.

דער פעטראקאווער גובערנאטאר, האט אוחם דו בקשה ענטזאגט. ח' ג. האט זיך דאן געווענדעט מיט א בקשה צום ווארשאוער גענעראל-גובערנאטאר, וועלכער האט אוחם אוצט ערלויבט צו עפענען א מנין.

שטרייק-בעוועגונג.

(ג) נאך א זיבען וואכענדיגען שטרייק אין דוד קופערמאנ'ס זאקען-פאבריק (פראנטשישקאנער 28) זענען נעכטען די שטרייקענדע ארבייטער צוגעטרעטען צו דער ארבייט נאכדעם ווי מען איז נאכגעקומען זייערע פאדערונגען.

— אין דער טאמפוריר-פאבריק פון יוסף קאלינסקי האבען נעכטען פערשטרייקט די ארבייטער. די שטרייקענדע פאדערן מען זאל זיי הויכערן דעם לוין מיט 25 פראצענט.

פערשיעדענעס.

(ש) ווי מיר דערוויסען זיך, קומט דער פעטראקאווער גובערנאטאר קאמערהער יאטשעווסקי צוריקצופאהרען פון-זיין אורלויב קיין פעטראקאוו דעם 15 יולי א. סט.

— דורך א ספעציעלע פעראררנונג פון שעף פון דער לאדזער שול-דירעקציע ח' ביעלאיעוו איז דעם היגען שול-אינהאבער, ה' יצחק גאלדבערג ערלויבט געווארען אז אין זיין שולע זאל דעם גאנצען זומער כסדר געלערנט ווערען נישט האלטענדיג קיין פעריען. דער צוועק פון דער ערלויבניש איז געגעבען געווארען, צוליעב דעם כדי ה' גאלדבערג זאל האבען די מעגליכקייט פארצובערייטען אין דער פעריען צייט זיינע אלטע שילער, וועלכע זענען זומער געבליבען אין לאדז ווי אויך די ניי אנגעקומענע, אז זיי זאלען קענען אריבערגעהן אין די העכערע קלאסען.

א פראצעס ביי פערמאכטע טירען.

אין דער צווייטער קרימינאל-אפטהיילונג פון פעטריקאווער אקרושנאי-סוד איז ביי פערמאכטע טירען פארגעקומען א פראצעס פאר שענדען א מיידעל און די אנגעקלאגטע זענען פער'משפט געווארען צו זעהר הארבע שטראפען.

אויף דער בעשולדיגונגס-באנק איז געזעסען דער בעוואוסטער פערברעכער אנטאן סקאראנטשינסקי, 29 יאהר אלט מיט זיין געליעבטער, קאנסטאנציא שולמיטשינסקא 39 יאהר.

בייידע זענען אינטערעסאנטע פערברעכערישע טיפען. וועלכע האבען הינטער זיך שוין א געוויסע פערגאנגענהייט.

אנטאן סקאראטשינסקי איז אין די פרייהייטס-טעג געווען א מיטגליעד פון דער רעוואלוציאנערער פראקציע פון „פ. פ. ס״. שפעטער איז ער געווארען א פראוואקאטאר און זיך אויך בעטהייליגט אין באנדיטען-באנדעס, פאר איינינע באנדיטען-אנפאלען איז ער שוין פערמשפט געווארען צו פערשיעדענע שטראפען.

אויך זיין „קאבאנקע״ און מיטהעלפערין איז א בעוואוסטער פערברעכערישער טיפ און אויך זי איז שוין נישט איין מאל געשטאנען פאר'ן געריכט.

דאס מאל זענען זיי אנגעקלאגט געווארען פאר שענדען די 7 יאהריגע קאנסטאנצא יאקובאווסקא. לויט'ן בעשולדיגונגס-אקט איז דאס פערברעכען אזוי: ס. מיטהעלפערין ש. האט ארײַנגענארט צו זיך אין וואוינונג אויף פאכאוש-שולץ № 8 דאס דערמאהנטע מיידעל און ס. האט זי געשענדעט.

דאס געריכט האט בייידע איינגעפונען פאר שולדיג און זיי פערמשפט צו פערליערען אלע רעכט און פריוויליגעס און צו 8 יאהר קאטארגע און שפעטער צו אשטענדיגער פערשיקונג קיין סיביר.

ס. הערט אויס דעם שטרענגען אורטייל גאנץ גלייכגילטיג, נאר מיט זיין מיטהעלפערין קומט פאר א סקאנדאל-סצענע אין געריכט.

בעת מען לעזט פאר דעם אורטייל צולאכט זיך די פער'משפטע און פאלט אן אויף דער קאנסטאנצא יאקובאווסקא און נעהמט זי שלאגען.

די סטראזשניקעס זענען צוגעלאפען און די צוויילדעוועטע ש. גענומען אפרייסען פון מיידעל, זי לאזט זיך נישט און שלאגט אויך די סטראזשניקעס. מיט גרויס מיה האט זיך איינגעגעבען די צוויילדעוועטע אפצורייסען און זי צו שמידען אין קייטען, אונטער א שטרענגער וואך האט מען די פער'משפטע אבגעפיהרט אין טורמע. (ג)

פארפאלען.

א רויב אנפאל אויף א יודישען קרעמער.

(ג) פארגעסטערן אין אווענד האבען אין פאסאר באלוטלאוועק, לאדזער אויעזד, דריי מיט רעוואלווער'ן בעוואפנעטע באנדיטען אויסגעפיהרט א רויב-אנפאל אויף א יודישען קרעמער.

וועגען דרייסטען רויב-אנפאל טיילט מען אונז מיט פאלגענדע איינצעלהייטען:

שפעט אין אווענד בעת די פרוי פון קרעמער יצחק קראי איז ארויסגעגאנגען פון איהר געוועלב פערמאכען דעם לאדען פון פענסטער, זענען צו איהר צוגעשפרונגען דריי אונבעקאנטע באנדיטען, וועלכע האבען זי צוריק ארײַנגעשלעפט אין געוועלב. דא האבען די באנדיטען דראהענדיג מיט רעוואלווערען פערלאנגט מען זאל זיי ארויסגעבען דאס געלד וואס קראי האט. די פרוי קראי און איהר מאן, וועלכער איז צוליעב זיין קראנקהייט געלעגען אין בעט, האבען געענטפערט, אז זיי האבען נישט קיין געלד און געבעטען צו פערלאזען זייער געוועלב. אלס ענטפער האבען די באנדיטען גענומען רעווידירען די וואוינונג און האבען אויך דורכגעווארפען דאס בעט-געוואנד פון די בעטען, בעת דער „רעוויזיע״ האבען די באנדיטען געפונען 30 רובל געלד און איינינע טייערע חפצים, די באנדיטען האבען אלץ צונערויבט און פעראורדנענדיג זיך נישט צוריהרען פון ארט זענען זיי אנטלאפען.

איבערגעפאהרען דורך אנ'אויטאמאביל.

(ג) נעכטען ארום 6 א זייגער פארנאכט איז אויף זגערזשער גאס ביים הויז № 68 אנ'אויטאמאביל איבערגעפאהרען און שווער פערוואונדעט דעם 9-יעהריגע קינד פראנטשישקא צוערלוק. די ארויסגערופענע באנאטאוויע האט דאס איבערגעפאהרענע קינד און א האפנונגסלאזען צושטאנד אבגעפיהרט און קונדער-שפיטאל „אנא-מאריא״.

איבערגעפאהרען דורכ'ן טראמוואי.

(ג) נעכטען ארום 6 א זייגער אין דער פרוה איז אויפ'ן פאפיאנוצער שאסע דורכ'ן טראמוואי איבערגעפאהרען און שווער פערוואונדעט געווארען דער 26-יעהריגער ארבייטער יוזעף זיאק. און א גוסס דיגען צושטאנד האט מען אוחם געבראכט קיין לאדז פון וואנען פאגאטאוויע האט אוהם אבגעפוהרט און אלעקסאנדער שפיטאל.

ארויסגעווארפען דאס ווייב דורכ'ן פענסטער.

פארגעסטערן ארום 6 א זייגער פארנאכט האט זיך אויפ'ן פאפיאנוצער שאסע № 28 פון איינפערזוכט צוקריגט מיט זיין פרוי סטאניסלאווא דער ארבייטער קאלוזנע. די קריגעריי האט זיך געענדיגט דערמיט, וואס ק. איז צוגעפאלען אויף זיין פרוי און זי שווער-פערוואונדעט, דאן האט ער זי ארויסגעווארפען אויפ'ן גאס דורכ'ן פענסטער פון זיין וואוינונג, וואס געפינט זיך אויפ'ן ערשטען שטאק. א האלב-טויטע האט זי פאגאטאוויע אבגעפוהרט און אלעקסאנדער-שפיטאל, דעם אונמענשליכען מאן האט די פאליציי ארעסטירט.

די פראווינץ.

(פון אונזערע קארעספאנדענטען).

בענדין.

א יודישער טורן-פעראיין.

פארגעסטערן איז דא אין לאקאל פון „הזמיר״ פארגעקומען די אלגעמיינע גרינדונגס-פערזאמלונג פון דעם ערשט לעגאליזירטען יודישען טורן און ספארט פעראיין „הכח״.

צו דער פערזאמלונג איז געקומען זעהר א גרויסער עולם. דער גרעסטער טייל פון די אנוועזענדע האבען זיך פערשריעבען אלס מיטגליעדער.

נאך פערשיעדענע בעגריסונגען און רעדעס איז בעשלאסען געווארען, אז דער פעראיין זאל באלד אנהויבען זיין טהעטיגקייט.

צולעצט איז אויסגעוועהלט געווארען א פערוואלטונג און עס איז בעשטעטיגט געווארען דער בודזשעט פאר דעם לויפענדעם יאהר אויף א סומע פון איבער 600 רובל.

— אין לאקאל פון יודישען סוחרים פעראיין איז פאר-גע-קומען א זיצונג פון מאנופאקטור און לעדער סוחרים, אויף וועלכע עס איז בעשלאסען געווארען, זיך צו ווענדען צו דער מאכט, אז זי זאל זיי בייהילפיג זיין און צווינגען אלע יודישע סוחרים אז זיי זאלען פערמאכען די געשעפטען 8 א זייגער אין אבענד.

— אין ניבען עפענט זיך דא א יודיש גימנאזיום, צוליעב דעם האט זיך דא געגרינדעט א קאמיטעט, וואס פערנעהמט זיך מיט'ן פערווירקליכען די זאך.

מען פערהאפט, אז דעם קאמיטעט וועט זיך איינגעבען צו שאפען די נויטיגע סומע געלד און אזוי ארום וועט דער דאמבראווער ראיאן בערייכערט ווערען מיט א וויכטיגער יודישער בילדונגס-אינסטיטוציע.

S. F.

שלום-קופאן.

יעדער וואס שטעלט צו אזא שלום-קופאן אין דער אדמיניסטראציע פון „לאדזער טאגעבלאט״ אדער צו אלע אונזערע אגענטען און צייטונגס-פערקויפער, האט דאס רעכט צו פערלאנגען אלע 12 בענדער פון גרעץ'ס יודישע געשיכטע געבונדען אין 6 פראכט-ביינדען אנשטאט פאר 16.50 נור פאר 8.60. דער דאזיגער קופאן איז נור גילטיג ביז צום 7-טען יולי נ. סטיל.

וויכטיגע פרטים וועגן דעם אטענטאט.

דער גאסוד. סאוויעט דריקט אויס מיטגעפיהל עסטרייך.

(לעצטע נאכט-דעפעשען).

צוויי באמבעס.

סאראיעווא (פ.) ווי די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, האט מען פריהער אין דעם אויטאמאביל פונ'ם ערצהערצאג געווארפען א באמבע מיט א שוואכער אויפרייס-קראפט, באלד נאכדעם איז געפאלען א צווייטע באמבע מיט א שטארקער קראפט און האט איפגעריסען פונקט אין דעם מאמענט ווען ס'איז אונטערגעקומען א צווייטער אויטאמאביל, וואס איז געפאהרען נאכ'ן אויטאמאביל פונ'ם ערצהערצאג.

בעת דער ערצהערצאג איז געפאהרען פון ראטהויז איז אין אויטאמאביל אנטקעגען דעם ערצהערצאג מיט זיין פרוי געזעסען דער נאמעסטניק, אויף דער פלאטפארם פון אויטאמאביל איז געשטאנען גראף האראך, כדי צו פערשטעלען מיט זיין איינענעם קערפער דעם ערצהערצאג אין פאל פון א נייעם אטענטאט. בעת דער אויטאמאביל האט זיך פערקערעוועט אויף דער פראנץ-יאזעף-גאס האט זיך געהערט צוויי שאסען דער ערצהערצאג מיט זיין פרוי זענען א ווייליע געבליבען זיצען אין אויטאמאביל, באלד האבען זיי פערלוירען דאס בעוואוסטזיין און זענען אנידערגעפאלען אויף די קישענס.

דער צושטאנד פון די פערוואונדעטע.

סאראיעווא (פ.) דאס לייבען פון דעם פערוואונדעטען אריוטאנט מעריצי איז אויסער געפאהר. דער גראף באס-וואלדעק איז נאר לייכט פערוואונדעט געווארען. פון פובליקום איז שטערבליך קיינער ניט פערוואונדעט געווארען.

סאראיעווא אין קריעגס-צושטאנד.

סאראיעווא (פ.) די טויטע קערפערס פון דעם ערצהערצאג פראנץ-פערדינאנד און זיין פרוי האט מען געבאלזאמירט. פון זייערע געזיכטער האט מען אראפגענומען גיפסענע מאסקעס. אויף די טרומנע האט מען ארויפגעלעגט זעהר פיעל בלומען-קראנץ. די שטאדט און דער אומגעגענד זענען ערקלערט געווארען אין קריעגס-צושטאנד.

דער קייזער פראנץ-יאזעף אין וויען.

וויען (פ.) עס איז אנגעקומען דער קייזער פראנץ-יאזעף, ער פיהלט זיך פאלקאם געזונד. אויף דער סטאציע פעגנדיג האט דעם קייזער בעגעגענט דער ערצהערצאג קארל פראנץ-יאזעף און אין א אפענע קארעטע, בעגריסט פון א גרויסען המון, איז ער אוועקגעפאהרען אין שענברונער פאלאץ.

מיטגעפיהל פון רוסלאנד.

פעטערבורג (פ.) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון גאס. סאוויעט האט דער פארזיצענדער געמעלדעט, אז דער טעלעגראף האט געבראכט די ערשיטערנדע ידיעה וועגען דער ערמארדונג פונ'ם עסטרייכישען טהראנפאלגער דעם ערצהערצאג פראנץ-פערדינאנד מיט זיין פרוי. דער פארזיצענדער לענט פאר, אז די מיטגליעדער פון גאס. סאוויעט זאלען אויפשטעהן: פון די ערטער אלס צייכען פון טיעפען טרויער צום אומגליק, וואס האט געטראפען די שכנישע מלוכה און איהר מאנארך. אלע שטעהען אויף.

דער סאוויעט בעשליסט צו בעטען דעם אויסערן-מיניסטער אויסצודריקען דער עסטרייך-אונגארישער רעגירונג דעם טיעפסטען מיטגעפיהל פון גאסוד. סאוויעט צוליעב דעם שווערען אומגליק וואס ס'האט געטראפען איהר מאנארך.

פעטערבורג (פ.) צוליעב דער ערמארדונג פון דעם עסטרייכישען טהראנפאלגער מיט זיין פרוי זענען אין דער עסטרייכישער באטשאפט געקומען, כדי אויסצודריקען מיטגעפיהל דער פרעמיער-מיניסטער, דער וויצע-פארזיצענדער פון גאס. סאוויעט, דער מיניסטער פון קייזערליכען הויף, דער אויסערן- און קריעגס-מיניסטער.

א מיטגעפיהל-דעפעשע

סאפיא (פ.) דער בולגארישער פרעמיער-מיניסטער ראדאסלאוו האט צוגעשיקט אויפ'ן נאמען פון גראף בערכטאלד א מיטגעפיהל-דעפעשע צוליעב דער ערמארדונג פונ'ם עסטרייכישען טהראנפאלגער מיט זיין פרוי.

די טראגישע פאמיליע.

די עסטרייכישע קייזערליכע פאמיליע פון די האבסבורגען לעבט איבער זייט דער צווייטער העלפט פון 19-טען יאהרהונדערט שרעקליכע אומגליקען און עס זעהט אויס, ווי דער גורל פערפאלגט די פאמיליע מיט טראגישע געשעהענישען און אומגליקען.

די קייזערליכע פאמיליע בעשטעהט פון מענשען מיט ברויזענדע טעמפעראמענטען, מיט שטארקע ליידענשאפטען און פון אויסערגעוועהנליכע פערלאנגען און עס דוכט זיך, ווי זיי זענען בעשטימט געווארען מיטגעשלעפט צו ווערען מיט'ן שטורם.

די גרעסטע אומגליקען האט געטראפען אין דער פאמיליע דעם איצטיגען קייזער פראנץ-יאזעף.

זיין ברודער, פערדינאנד מאקסימיליאן, וועלכער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1832, איז געווען א ליידענשאפטליכער רייזענדער און האט אויך געהאט גרויסע ליטערארישע פעהיגקייטען. אין יאהר 1864 איז ער געווארען דער הערשער פון מעקסיקא און אין א פאר יאהר ארום, אין יאהר 1867 איז ער דערשאסען געווארען דורך די מעקסיקאנישע רעפובליקאנער.

די פרוי פון פראנץ-יאזעף, די קייזערין עליזאבעטא אמאליע יעווגעניא, די עלטעסטע טאכטער פון מאקסימיליאן יאזעף פון בייערן, איז געבוירען געווארען אין יאהר 1837. ער האט מיט איהר חתונה געהאט דעם 24 אפריל 1854, זי איז געווען א זעלטענע שעהנהייט און א העכסט גייסטרייכע דאמע. איהר גורל איז אויך געווען א זעהר טראגישער, דען אין יאהר 1898 איז זי אין גענף ערמארדעט געווארען דורך דעם אנארכיסט לוקעני.

אויך פראנץ-יאזעף'ס זוהן און טראנפאלגער דער ערצהערצאג רודאלף פראנץ קארל איז אין יאהר 1889 ערמארדעט געווארען. ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1858 אין וויען און אין דערמאהנטען יאהר איז ער פלוצלונג אויף א רעטועלהאפטען אופן ערמארדעט געווארען אין זיין שלאס אין מייערלינג. ביז איצט האט מען נאך נישט אויפגעדעקט די סבות פון יענעם רעטועלהאפטען מארד. צוזאמען מיט'ן טראנפאלגער איז דאן אויך ערמארדעט געווארען זיין געליעבטע.

פון דער האבסבורגער פאמיליע איז אויך א געהיימניספולען אופן אויך פערשוואונדען געווארען דער ערצהערצאג יאן סאלוואטאר. ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1852 אין פלארענץ און איז געווען א מענש מיט אונגעהייערע פעהיגקייטען, בעזונדערס אויפ'ן מיליטער-געביעט. אין יאהר 1887 האט מען ביי איהם צוגענומען זיין ראנג פון דיוויזיאן-גענעראל, ווייל ער האט זיך בעמיהט צו ווערען דער הערשער פון בולגאריען. אין יאהר 1889 האט ער זיך ענטזאגט פון אלע זיינע אמטען און ראנגען, האט זיך א נאמען געגעבען יאן ארטה, געקויפט א האנדעלס-שיף און ארויסגעפאהרען קיין אמעריקא. פלוצלונג איז ער פערשוואונדען געווארען און ביז היינטיגען טאג איז פון איהם קיין שום שפור נישטא און מען ווייסט נישט וואו ער איז אהינגעקומען...

פון צייט צו צייט בעווייזען זיך ידיעות און עס קומען אן לעגענדעס, אז ער לעבט ערגעץ, נאר פאקטיש ווייסט מען פון איהם גארנישט.

אויך אויף אלטען קייזער פראנץ-יאזעף אליין האט מען אין יאהר 1853 געמאכט אנ'אנפאל, דער אונגאר ליבעני איז אנגעפאלען אויפ'ן קייזער בעת ער איז געגאנגען שפאצירען און איהם פערוואונדעט מיט א מעסער אין קאפ. אין א פאר וואכען האט דער קייזער זיך אויסגעהיילט פון זיינע וואונדען און איז געזונד געווארען.

סינאטאר מאנוכין — וויצע-פארזיצענדער פון סאוויעט.

פעטערבורג (פ.) עס איז פערעפענטליכט געווארען אנ'אלערהעכסטער אוקאז דעם גאס. סאוויעט, אז פון דעם 15 יוני, אין דער צייט, וואס דער סטאטס-סעקרעטאר גאלוביעוו וועט ערפילען די פליכטען פון א פארזיצענדען פון גאס. סאוויעט צוליעב דער קראנקהייט פונ'ם סטאטס-סעקרעטאר אקימאוו, זאל דער נ״ז-הסראט סענאטאר מאנוכין ערפילען די פליכטען פון א וויצע-פארזיצענדען פון סאוויעט.

בורצעוו בעט אנצוקלאגען אזעווין.

פאריז (ספ.) בורצעוו האט צוגעשיקט אויפ'ן נאמען פון יוסטיץ-מיניסטער שטשעגלאוויטאוו א ניי מעלדונג, אין וועלכער ער בעט אנצוהויבען א פאר-אויספארשונג וועגען די פערברעכערישע מעשים פון עוונא אזעף און א גאנצע רייהע רעגירונגס-בעאמטע וואס בורצעוו האט אנגעוויזען.

די יודישע בעגרענצונגען אויפ'ן ניזשני-נאווגאראדער יריד.

ניזשני-נאווגאראד (ספ.) ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האט די ניזשני-נאווגאראדער גובערנסקע פערוואלטונג בעשלאסען, אז יודען האבען ניט דאס רעכט צו ארענדירען געוועלבער אויפ'ן יריד.

איהר בעשלוס האט די גובערניע-פערוואלטונג מאטיווירט מיט דעם וואס ערשטענס געפינט זיך דער ניזשני-נאווגאראדער יריד אויף רעגירונגס-ערד; צווייטענס איז אויסער דער טשערטא פערבאטען צו שליסען וועלכע ס'איז

קאנטראקטען וועגען א קניה אדער ארענדע פון אונבעוועגליכע נחלאות; אויסער דעם איז אפילו אין דער טשערמא פערבאטען יודען צו ארענדירען אונבעוועגליכע נחלאות אין די דערפער צו האנדעלס-צוועקען, און געוועלבער אויף א יריד געהערען, לויט א סענאטס-ערקלערונג, צו דער קאטעגאריע פון אונבעוועגליכע נחלאות.

שיף-קאטאסטראפע.

לאנדאן (פ.) דער פאסאזשיער-דאמפפער „קאליפארניען" איז ארויף אויף א פעלז. נישט ווייט פון דער אינזעל טארי. צוהילף האט מען ארויסגעשיקט צוויי קאנאנען-שיפען. קיין טענשליכע קרבנות זענען נישט פאראן.

רעדאקטאר: י. אונגער.
ארויסגעבערס: ע. האמבורסקי. א. טענענבוים.

גרויסעס טעאטער דיר. י. זאנדבערג.

היינט דיענסטאג מיט'ן אנטייל פון די בעסטע קרעפטע פון אונזער בעוואוסטען ענסאמבעל ווערט געשפילט די שוין לאנג נישט געשפילטע גרויסע קאמישע אפערעטע

זיין ווייב'ס מאן.

נייע הומאריסטישע קופלעטען און אריגינעלע טענץ.
אויספיהרליכעס אין די פראגראמען.

אנאנס! דער בעקאנטער דראמאטישער שוישפ. דער דירעקטאר פון'ם פאוילאן-טהעאטער

מר. מאררים וואקסמאן

איז געקומען נעקומען נאך לאדז און וועט אין די טעג זיינע גאסטראלען ביי אונז אין טעאטער. צום ערשטען גאסטראל ווירד פארבערייטעט צום אויפפיהרונגצום ערשטען מאל דאס בעקאנטע מייסטערווערק פון לעוו טאלסטאי

„דער לעבעדיגער מת"

אויספיהרליכעס מארגען אין „לאדזער טאגעבלאט".

טיכטיגע הערען-שניידער-געזעלען
שטיק-ארבייטער, אויך מיטנייער ווירד זאפארט געברויכט, פעטריקויער 61, ו. 13.
975 1—

נעגען גוטע בעלאהנונג

גוטע שטיקערינס און שטיקערס ווירד געזוכט אין די שטיקעריי ביי ה. קאהן, קאמיענא 2.
976

צו ווירטשאפט און מאלערס.

ווער עס האט נויטיג מאפעטען-טאפעציערער, ווערט געבעטען זיך צו ווענדען אין קלוב ביי די מעקיגע טאפעציערער, זאוואדזקא 5. אבענדס פון 9 ביז 11.
די פערוואלטונג. 978

ווערט געזוכט א מיטלערע האנדגעהילף צו הויזגים ווי אויך א לעהר-יונגע, וועלכער קען שוין עטוואס נעהען, ביי דעם בעוואוסטען הויזען-שניידער ש. פייוולאוויטש, דזיעלנא 31 פראנט.
969

א גאלאנטעריע-געשעפט
איז איבערצוגעבען אין א גוטען פונקט מיט א קליינעם קאפיטאל. צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע ד. בל.
967 3 1

צו פערליאבונג פון פריילין
אנדזשא ברוינער
מיט הערן משה רודעצקי
גראטולירט הערצליכסט
דוד איטשע פאלאטעק און מוטער.

א יונגערמאן

זוכט ארבייט צו האט עס איז. זיך צו ווענדען צום צייטונגס-פערקויפער רוג פאלודניאווא און האכעדניא ביים מקלאר-שטעטשנא.

Хана Вайсбаумъ
потеряла свой паспортъ, выдан. гм. Жогельница, Варш. губ. Отдать въ полицію. 1 3

צו פערמיעטע

א איינגעפיהרטער קאלאניאל-לאדען עקזיסטירט 8 יאהר זאווי וואהנונג פון 2 צימער עם קיכע מיט בעקוועמליכקייטען, זגערושער 11 צו ערפאהרען ביים ווירט.
977

סחורה און לאמבארד

20 פאלודניאווא 20
צו פערקויפען 700 ארשין שטריכגארן אונר 3000 ארשין בוימוואלענע בונטע, בעזאנדערס ווירד געבארגט געלר אויף אלערליי סחורות צו ערמעסיגטע צינז.
5800

א וואהנונג

בעשטעהענד אויס 2, 3 אדער 4 צימער עם קיכע מיט בעקוועמליכקייט צו פערמיעטען פון יולי, פעטריקויער 38.

א פראנט-לאדען

מיט שעהנעם שויפענסטער און 2 איינגאנג אויף וואוגש אויך מיט אנגרענצענדע צימער צו פערמיעטען פון יולי. פעטריקויער שטר. 36, צו ערפאהרען ביים פערוואלטער.

Голда Шмуловъ Цигельманъ
потеряла свой паспортъ, выдан. гм. Казаневъ, Рад. губ. Отдать въ полицію. 862 3 1

קראפט ☐ געזונדהייט ☐ לעבענסלוסטיגקייט

וועט אייך צוקומען פון בענוצען פון ביאמאלץ. ביאמאלץ פון די גער. פאטערמאן טעלטאוו בערלין, איז א געשמאקער, ארמאטישער עקסטראקט פון מאלץ. ער ענטהאלט מאלטאזע, דיאסטאז, שוועבעל אייזען און קאלך.

ביאמאלץ בענייט דאס לעבען

ער איז אויך פיעל נאהרהאפטער אלס פלייש און אייער, ער איז געשמאקער אלס קאקאא. צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדען צו 85 קאפ. און 1 ר' 50 קאפ. א שאכטעל.
ליטעראטור שיקט ארויס די גען. „אוטאסיל", בערלין און ווילנא.
אכטעט אויף די פאבריקס-מארקע „צוויי קארליקעס".

אדוואקאט

ג. וויינבערג
77 דלוגא 77
עמפפאנגט נור פון 5 ביז 8 נאכמיטאג. 10 5006
ש. א אויך מילימעריזאציען און אלער ארט שתדלנות אין אלע רעגירונגס-אנשטאלטען.
פון 1/14 יולי נאוואמיעסקא 5 №

פערשיעדענע
לאדענשרענקע און בופעטם

נעאייננעם פיר פערשיעדענע בראנזשען זעהר ביליג צו פערקויפען ביי
M. BERMAN, Petrikauer № 59. 5744

בעקאנטמאכונג.

אין זדונסקא-וואלא איז געעפענט געווארען א פאבריק פון
האלצשוהע און האלצפאנטאפעל

זאווי פערקויף פון שוה-העלצער און פאנטאפעל-העלצער.
מעסיגע פרייזע!
אלס האלצאינדוסטריעלע זינד די בעסטע קוואליטעטען אויף לאגער.
האכאכטענד
האנדעלסהויז דער האלצאינדוסטריע פון
א. ווארשאווסקי, זדונסקא-וואלא. 5786 16 2

די ביליגסטע שטעמפעל-פאבריק

פון פ. ח. שטיפט
עמפפעהלט די בעסטע און האלטבארסטע
עמאיל-שילדער
צו זעהר ביליגע פרייזען. 5731 12 9
פעטריקויער 66, טעלעפאן 16-30.

ספעציעל פיר שטרימפף-פאבריקען

5761 10 4
שמאלע לעדער-טרייב-ריעמען בעסטע קוואליטעט צו מעסיגע פרייזען אויך אלע ברייטען לעדער און קאמעלהאר-ריעמען, גוטע פרימא קוואליטעט שטעטס אויף לאגער ביי
י. סימכאוויץ, ציעגעל-שטר. 56

„אויף די הונדערטער"

בזמן, וואס קומען אונז אן טאג טעגליך פון אונזערע לעזער, אז מיר זאלען אויפ'ן 2-טען האלב יאהר נאכאמאל אנהויבען געבען אונזער זעלטענע פרעמיע „די יודישע געשיכטע פון פראפעסאר גרעץ", ערקלערען מיר, אז צוליעב די גוואלדיגע געלד-אויסגאבען און מיה, וואס עס איז פערבונדען דאס איבערדריקען פון אזא מייער און גרויס ווערק, איז אונז איצט שוין אונמעגליך איינצואורדנען א צווייט מאל די דאזיגע פרעמיע.
כדי אבער דאך נאכצוקומען דעם דרינגענדען פערלאנג פון אונזערע לעזער, האבען מיר פארינע וואך טעלעגראפיש בעשטעלט ביי דער פערלאגס-געזעלשאפט „צענטראל" די רעשט קאמפלעטען, וואס עס האבען זיך נאך ביי זיי געפונען, און דאס וועלען מיר פערטיילען אונזערע לעזער אין פערלויף פון 1 וואך, דאס הייסט, ביז צום 7-טען יולי.
צו דעם צוועק דרוקען מיר היינטיגע וואך טעגליך דעם לעצטען קופאן וועגען דער יודישער געשיכטע אונטער'ן נאמען

„שלום-קופאן"

און מער עס וועט צושטעלען ביז צום 7-טען יולי אזא שלום-קופאן, האט דאס רעכט צו פערלאנגען ביי אונז צי ביי אלע אונזערע אגענטען און צייטונגס-פערקויפער די גאנצע יודישע געשיכטע אין 12 טיילען געבונדען אין 6 פראכט-בענדער, אנשטאט פאר 16.50 נור פאר 3.60. מיר ערקלערען אבער קאטעגאריש, אז מעהר וועלען מיר די יודישע געשיכטע אלס פרעמיע נישט געבען.

„LUX" Actienbolaget „LUX"

10 STOCKHOLM (Schweden) 5527
די עלטעסטע פעטראלעאום-גאזקאכער-פאבריק אין דער וועלט.
קאפיטאל Frse 15.000.000
40 גאלדענע מעדאלען, גראנד-פריקס, דיפלאמירט א. ז. וו. די פאבריק, וואס אלע האנדלונגען פון דער וועלט, וועלכע דען לוקס-קאכער פערקויפען, גאראנטירען פיר די פארמעגליכקייט אונד דויערהאפטיגקייט פון דעם נאז-נאפט קאכער „לוקס".
פאדערט איבעראל!!

וואסערהיילאנשטאלט
אים סאנאטאריום „אוניטאס"

פוסטא 11 g, עקע מיקאלאיעווסקא,
נעעפענט פון 7—12 און פון 2—7 נאכמיטאג. 5621 13
מאדערנסטע איינריכטונגען און קאמפארט: דאמפף-שאמישע און אלע אנדערע רוסישע פוס
און זיצבעדער, דאמפפבעדער רוימישע און רוסישע.
זאהל—פיכטענגאדעל—שוועפעל און אנדערע בעדער.
קאהלענזויערע-בעדער עכטע און מיט זאלץ (נויהיים).
זויערשטאפבעדער (Ozet). וויבראציאנס-מאסאזשע און גימנאסטישע מאסאזשע. עלעקטרישע-פיערצעללען און גליהליכטבעדער, עלעקטריזאציאן, דיאטערמיע, דארסאנוואליזאציאן, בעהאנדלונג דער טאבעס מיט פרענקעל-אפאראטען.
לונגענגימנאסטיק פיר אסטמאטיקער און עמפיסעמאטיקער.
מעכאנאטעראפיע. רענטגענאינסטיטוט.
בעשטראהלונגען מיט קינסטליכער העהענזאנע (קווארצלאמפען).

וואהנונגען צו פערמיעטע

923 4
אין פראנטהויז מאניסטראצקא 8, 1, 2, 3 צימער און קיכע מיט אלע בעקוועמליכקייטען. לופטיגע געגענד, געגענאיבער דער יודישער גימנאזיע.

קאנצערט-גארטען „מאנמייפעל"

טעגליך קאנצערט

פון ווארשויער סימפאנישען ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' בראניסלאוו שולץ, פראפעסאר פון ווארשויער מוזיק. געזעלשאפט חלב 9. אם זאן- און פייערטאגען 6 אוהר. ענטרעע 50 קאפ. שילער 20 ק. סימפאניע-קאנצערט 75 ק., שילער 30 ק. אבאנאמענטען 4.80.

איבערצוגעבען

אמן נוט איינגעפיהרטעס גאלאנטעריע-געוועלב מיט איינגעפיהרטע קונדשאפט. צו ערפאהרען ביי דרענגעשן פאלודניאווא 12 פון 9—10 אבענ.
5 3 880

עלטעסטער פעלדשער

824
י. סינדער

דער, וועלכער פראקטיצירט אין פאלגעסקי'ס שפיטאל 13 יאהר וואהנט איצט שרעדניא 10. טעלעפאן 84-87. ועצט פרישע פיאקען, דזשירוירט אויך אין דער נאכט ביי קראנקע. מחוע אויך עלעקטריזירען.

וואהנונג

בעשטעהענד אויס 5 צימער, קיכע, מעדכען-צימער און זעמטליכע בעקוועמליכקייטען, אומשטענדעהאלבער זעהר פרייזווערט איבערצוגעבען. וואולטשאנסקא 10 (עקע ציעגלאנא) יאהנ. דר.
666 3 1

הערען-שניידער-געזעלען

און האנד-נייערס ווערען געזוכט צו באגאזשי-ארבייט. קאנסטאנטינער 26 ביי הארצשטארק.
970 1

לעהרלינג

זאהן פון אנשטענדיגע עלטערן, וועלכער בעזיצט בילדונג מינדעסטענס פון צווייט קלאסען, קען זיך מעלדען ביי
Max Lubliner, Konstantynerstr. 7.
971 1

די שעהנסטע

קאליגראפישע קאנטארסקע שנעל-שריפט לערנט אויס דער בעריהמטער פר' קאליגראף ל. בערמאן, זאוואדזקא 19 אין 15 לעקציאנען, די ערגסטע צובראכענע האנדשריפט ווערט אומגעבעסערט אויף דער שעהנסטער שריפט, וואס איז א ציהרונג פאר בוכהאלטער און קארעספאנדענציע. דער פרייז איז זעהר ביליג, דער וואס צאהלט אין פאר 2 שרעטען, לערן איך רונדשריפט אומזאנסט. דער האט קען נערוגים שרייבען קען זיך אויסלערהרנען שרייבען גוט א בריעף אין איין מאנאט. פאר ערפאלג ווערט גאראנטירט. נעדעקט דעם אדרעס: זאוואדזקא 19, וו. 1.

א געמייערטע רעמיזע

מיט אויזערנע טירען און געוועלבט אויך חויפע קעלער-שטובען מיט עלעקטרישע בעטריב און בעליכטונג צו פערמיעטען. פעטריקויער 38.

אבריישהאלבער

איז וואפארט צו פערקויפען שעהן מעבעל פון א עס-צימער, קאבינעט-איינריכטונג, פינגורען, שפיגלען, דיוואנעס, בעטען, אייזערנע און האלצערנע, א נייע נאך גוט געברויכט שטובען-קלאוזעט אויך א גאנצע גרויסע רוסישע ביבליאטעק מיט די שעהנסטע ווערקע און א גרויס ענציקלאפעדישעס ווערטערבוך. שרעדניא 20 וואהנונג 6 פון 8 פריה ביז 7 אבענד.
2 3 ש

א קינד צו א אם

אוועקצוגעבען, נאוואמיעסקא 19, 2-טען הויף ביי י. פליישער.
962

פאדאטקאווע ספראוועס:

פראשעניעס, וואזראזעניעס, אפעלאציעס א. ז. וו. פיהרט און ערלעדיגט געווימענהאפט און פיר מעסיגע בעלאחנונג.
ש. שיפמאן פעטריקויער 128 № וו. 11.
3 3 847

Студентъ медиц. факультета французскаго университета, опытный репетиторъ даетъ уроки по курсу всѣхъ средн. учебн. завед. въ Крашевѣ, Вишневой Гурѣ и окрестности.
Тамъ-же гимназистка 7-го кл. готовитъ по курсу гимназіи.
Узнать: Крашевъ дача Мрува 3-й домъ въ Крашевѣ. 5 4 746

נייעס פון ארץ ישראל

יעדער יוד קאן זיך ערווערבען א נחלה אין ארץ ישראל, וואס איז ווערטה 5000 רובל. פרטים וועלען מיר ענטפערן די, וועלכע וועלען צושיקען א בריעף וועלכען ס'וועלען אונטערשרייבען, לכל הפחות, 10 פערזאן. ענטפערן דעם מען איינעם פון זיי. אנגעבען וועלען מיר ענטפערען יעדען איינציגען. פאסט-מארקען אויף אנ'ענטפער זענען צום בייליגען. ר. בארנשטיין, קעניגסבערג, פרייסען פאסט-פאך 124 №.
3 3 6777

Wohnungen

3—4 צימער אונד קיכע מיט בעקוועם ליכקייטען 2 3 עטאזשע אויף פארטער-רוימליכקייטען פיר לאגער צו פערמיעטען
Południowa 20.
3 3 887

Wohnungen

פראנט-לאדען, אויך לאדען אין הויף 4—5 צימער אונד קיכע 2-טער עטאזשע אויך רעמיזען זיינד צו פערמיעטען.
Petrikauer str. № 18.
3 3 868

Калиграфъ

Я. Берманъ, Полудневая 25, кв. 26. исправляетъ всякій некрасивый ломанный почеркъ, каждаго языка. въ теченія 20 урок
אין 20 לעקציאנען קענט איהר בעקומען די שענסטע און שנעלע האנדשריפט
פאלודניאווא 25. 947

מעבעל

זאוואדזקא 24 פראנט 1 שטאק ווירד פערשידענע מעבעל אויך ווי פון א שלאפצימער ביליג צו פערקויפען.
2 2 903

מעבעל

פון 3 צימער אונד קיכע אבריישהאלבער פער וואפארט צו פערקויפען. בעשטעהענד שלאף אונד שפייז-צימער, קאבינעט-איינריכטונג אלעס אין איינע פאס וי נעק. צו בעזיכטיגען נויע-ציעגעל-שטראסע 29 №. ח. 7 פראנט, 1-טען עטאזש.
910 3 3

צו פערמיעטען

3 צימער און קיכע ביליג, ווי אויך אנדערע וואהנונגען מיט בעקוועמליכקייטען, פאסאזש-שולץ 35 №. צו ערפאהרען ביים וועכטער.
943 3 2

צו פערמיעטהען

פון 1 יולי 1914 איין גרויסער לאדען מיט וואהנונג, 3 צימער עם קיכע מיט בעקוועמליכקייט, 2 פראנט-צימער אויף דעם 4 שטאק, 1 זאל פון 4 פענסטער אויך קעללער-וואהנונג מיט איינגאנג פון דער שטראסע, צו ערפאהרען ביים ווירטה שרעדניא 11 № אויף דעם ערשטען שטאק.
762 5 4

Меерь Іось Кернефрахтъ
потерялъ свой паспортъ, выдан. маг. Любомыль, Волын. губ. Отдать въ полицію. 968 3 1

ערטהיילע

4 3 626
שטונדען אויף פיאנינע און מאנדאלינע אויף מאנדאלין צו 40 קאפ. פאנסקא 18 צו ערפאהרען ביים סטרוזש.

ביליג צו פערקויפע

איין קאמפלעט נייע קוכען-איינריכטונג אין זעהר געניצטעס שלאפצימער אויך איין נאז-אוהרע. צו זעהן פאלודניאווא 20 וואהנ. 22.
3 2 5790

צוליעב אבריייזע ביליג צו פערקויפען,

מעבעל, פון 2 צימער עם קיכע. צו ערפאהרען בענעדיקטא 10 וו. 34.
972 1

פון אויסלאנד צוריקגעקעהרט
דר. לעווקאוויטש

הויט ווענערישע דראזען-לעדען אונד טענגע שוואכע. ביי סיפיליס 606—914 טריפער • היילונג מיט שפריצען (וואקציניען) האנסטאנטען און א נייע מעטהאדע)
נער שטר. 13 נעבען זעליגס קלויז. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד פון 5—8 נאכם. דאמען פון 5—6.

ד"ר מ. וואלפסאהן

אינערע און קינדער-קראנקהייטען
ווסכאדניא 17 טעלעפ. 04-32.
עמפפאנגט צו הויזע פון 4 ביז 6 נאכמיטאג. און פון 9 ביז 10½ פריה אין לונער-קליניק זגיערזשער 15.
184

Dr. Leon Grossman

וואהנט פעטריקויער 88.
טעלעפאן 34-31.
אינערע- און נערוועז-קראנקהייטען. שפרעכשט. פון 9—11 און 4—6.

Dr. med. P. Braun

קרוטקא-שטר. 4, טעל. 35-85
נעוו. אסיסט. פון בערלינער קליניקען ספעציאל-ארצט פיר הויט-ווענערישע- און געשלעכטס-קראנקהייטען, ספעצ. בעהאנדלונג דעם טריפער און סיפיליס נאך די נייעסטע מעטהאדען. עמפפאנגט פון 9—1 און פון 5—9, דאמען פון 5—8. בעזונדערעס ווארטע-צימער.
5368

דר. ל. פריבולסקי

פאלודניאווא 3. טעל. 13-59.
ספעציאל-ארצט פיר הויט, ווענערישע און האאר-קראנקהייטען עם מענער-שוואכע, אויף קאסמעטישע פעלעגע. בעהאנדלונג פון סיפיליס נאך עהרליך האטא 606 און 914 אחנע בערופס שטערונג. היילונג מיט עלעקטריציטעט אונד וויבראציאנס-מאסאזש. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—9. פיר דאמען 5—6 בעזונדער ווארטע-צימער.

ערשטער צאהנערצטליכער קאבינעט

Dr. Med. Zacharow 5182
(געוו. פערוואלטער און לעקטאר פון א צאהנ-ערצטליכע שוהלע)
ספעציאליטעט: מונד-חירורגיע צאהן-קראנקהייטען און קינסטליכע צעהנע.
פעטריקויער שטר. 79.
עמפפאנגט פון 9½—2 און פון 4—8.

Dr. B. Rejt

שרעדניא 5 — טעלעפאן 79-38.
ספעציאליסט אויף קראנקהייטען: הויט, האר, ווענערישע, געשלעכטס און ערצטליכע קאסמעטיק. היילונג פון סיפיליס מיט סאלוואַרסאן עהרליך האטא 606 און 914. היילונג מיט עלעקטריק, עלעקטראמאסאזש (ענטפערנונג פון האר), בעלויכטונג פון קאפף (אורעטראסקאפיע). עמפפאנג פון 9 ביז האלב 12 און פון 5—8. זונטאג און פייערטאגען פון 10—2. פאר דאמען א בעזונדער ווארטע-צימער.
5416

УТЕРЯНЫ

паспортъ на имя Яковъ Соболь и 2 векселя: 100 руб. выст. Ш. Бялеръ, жиро Б. Гутеръ, Ш. Купферъ, Х. Цимерманъ ср. платежа 1/9 н. ст 1914. 187 р. 50 к. выст. А. Коханскій, жиро А. Шидловскій, Б. Купферъ, Х. Цимерманъ, ср. платежа 26/11 н. ст 1914. Таковые узнаются недѣйствительными и за покупкой остерегаются. Отдать за вознагражденіемъ въ газету „Лодзеръ Тагеблатъ" или Видзовская 39, Соболь. 973 3 1

ד"ר טראכטענהערץ
Dr. Trachtenherz

זאוואדזקא 6. טעל. 84-76.
געוו. אסיסטענט דער פעטערסבורגער שטאדט שפיטעלע. ספעציאל-ארצט פיר סיפיליס הויט ווענערישע קראנקהייטען אונד מענערשוואכע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 606—914 היילונג מיט עלעקטריציטעט. שפרעכשטונדען פון 8—2 און 5—9 דאמען פון 4 ביז 5. בעזונדערע ווארטע-צימער.
1408

צאהן-ארצט
י. ביטענסקי

98
20 זגערזשער 20
געגענאיבער דער קאטאלישער קירכע עמפפאנג און שמארקסטע פלאמבען און ציהן צו מעסיגע פרייזען.

Dr. med. I. Izykson
ד"ר מעד. י. איציקסאן

אלעקסאנדראווסקא 37
אינערע און קינדער-קראנקהייטען. עמפפאנגט פון 10 ביז 12 פרים. און פון 5 ביז 7 נאכמיטאג.
5060

צאהן-ארצט ב. הורוויץ

ציעגעל-שטר. 45.
איינגאנג חסכאדניא 55.
נימט אן טעגליך פון 9 פריה ביז 8 אבענד נעמט ארויס ציהן עחנע שמערצען, קינסטליכע צייהן מיט און אחנע גומען אויס גאלד און פלאטין. גאלדענע קראנען און בריקען-ארבייט. פיר ארבייטער און שילער אויסערגעוועהנליך ביליגער.
86

Dr. L. Klatschkin
ד"ר ל. קלאטשקין

קאנסטאנטינער 11.
ספעציאל-ארצט פיר הויט און ווענערישע קראנקהייטען, שפרעכשטונדען פון 9 ביז 1 און פון 6 ביז 8 אבענד. פיר דאמען בעזונדערעס ווארטע-צימער פון 5 ביז 6 נאכם.
15267

Dr. med. Langbard

געוו. אסיסטענט אין בערלינער קליניקען ווענערישע קראנקהייטען, ספעציעל טריפער און סיפיליס נאך די נייעסטע בעהאנדלונגס-מעטהאדען
זאוואדסקא 10, טעל. 88-35.
שפרעכשט. פון 9—1 און פון 4 ביז 8½ אבענדס.
1545

ד"ר זילבערשטראם
Dr. J. Silberstrom

אורדינ. אים אמבולאט. פון רויטען-קרייז
13 זאוואדזקא 13
הויט געשלעכטס אונד ווענערישע קראנק היוטען. (בעהאנדלונג מיט עהרליך-האטא 914—606) ערצטליכע קאסמעטיק. (ענטפערנונג לעסטיגער האר, פלעקען א. ז. וו.) 12—2½ 5—8 זאנטאגס 11—4

אקושעריו-מאסאזשיסטין

דיפלאמירט פון מאזעל. מעדיצין-אקאדעמיע אין פעטערבורג נעמט אן מאסאזש, נעמבארטען חויט-אפעראציאנען, ערטיילט ראטה אונד הילפע געמיינע פאלפט פערפלגונג פרויען עצקראנק. בריסט-ענטוויקלונג.
829 10
גרושקע 39, וו. 13, פון 12—3.

Тип. М. Гамбурскій и Ко. Лодзь. Петр. 16.
Редакторъ: И. Угеръ. Издатели: Э. Гамбурскій, А. Тененбаумъ